STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07028

DER VIDERGEBURT FUNEM IDNTUM

Nachman Drosdoff

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער ווידערגעבורט פונעם אידנטום

שטריכן און בילדער פון דייטשן אידישן לעבן אין פערצנטן, פופצנטן און זעכצנטן יאָרהונדערט

פון

נחמן דרוזדוב

אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון שיקאַגער שטאָט־קאָמיטעט,
אידיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד.

פארלאג ל. מ. שטיין שיקאגא

Copyright, 1949, by Nachman Drosdoff
910 Vernon Avenue, Glencoe, Illinois

N. DROSDOFF: "JUDAISM REBORN"
L. M. STEIN, Publisher
Chicago, Illinois - Nineteen forty-nine

Printed in U. S. A.

INTERNATIONAL PRINTING COMPANY
937 W. VAN BUREN STREET
CHICAGO 7, ILLINOIS
584

לזכר נשמת רעיתי

ח י ה

(ANNA)

אַ קורצע הקדמה

די תקופה וועלכע איך באַשרייב אין מיין קליין ביכל, איז איינע פון די אינטערעסאַנטסטע אין פארלויף פון אונדזער לאַנגן גלות. אירע שטריכן און פאַקטן דינען אַלס מאַסשטאַב און ביישפיל פאַר היינטיקער צעשטערנדער צייט כמעט אין אַלע אייראָפּעאישע לענדער. דעמאָלט, גלייך נאָך דער שוואַרצער מגפה, אין סוף 14טן און 15טן יאָרהונדערט, האָט מען געדיינקט אַז דאָס אידנטום אין דייטשלאַנד איז שוין פאַרניכטעט און וועט קיינמאָל צום לעבן נישט קומען. אָבער "לא אלמן ישראל" — גאָר אין קורצן האָבן די אידן אין די דייטשע פראָווינצן באַנייט נאָכאַמאָל זייער שאַפן אין תורה און חכמת ישראל פון וועלכער אַרבעט מיר ציען די יניקה עד היום פאַר אונדזער עקזיסטענץ.

דאָס שטאַרקט די האָפענונג אַז ווען דער וועלט-שטורעם וועט אַריבער, וועט די אידישע אייראָפּע באַנייען אירע גייסטיקע כוחות און ממשיך זיין איר שאַפונג פאַרן "נצח ישראל". און, ווער ווייס, אפשר ווי אין דער פאַרגאַנגענהייט וועט די צוקונפטיקע תקופה אַרויסברענגען נאָך גרעסערע ריזן וועלכע וועלן באַפעסטיקן אונדזערע אוצרות קעגן אַלע רוחות רעות.

דעם מאַטעריאַל פאַר מיין אַרבעט אין אַ פאַרקירצטער און איבערגעאַרבעטער פאָרמע, האָב איך גענומען פון די דריי העברעאישע בענד: "התורה והחיים", אַ ווערק וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן איבער פופציק יאָר צוריק פונעם פאַרלאַג "אחיאסף" אין ווארשע. דער מחבר איז געווען דער ווינער הויפט־ראַבינער, דר. מ. גידעמאַנן, וועלכער האָט געשריבן אין דייטש, און דער באַוואוסטער שרייבער א. ש. פרידבערג האָט עס איבערגעזעצט אויף העברעאיש. די דריי בענד נעמען אַרום דעם גאַנצן אידישן לעבן אין די מערב אייראָפּעאישע לענדער אָנהייבנדיק פון ניינטן יאָרהונדערט, די ימי הבינים, די מאָדערנע צייט ביז דער התחלה פון דער השכלה באַוועגונג.

פון דעם גאַנצן ווערק האָב איך אויסגעקליבן דעם פּעריאָד גלייך נאָך דער שוואַרצער מגפה, ווי איך האָב פריער דערמאָנט, וואָס איז ענלעך צום איצטיקן חורבן אין פיל לענדער מעבר לים.

דר. מ. גידעמאַנן האָט באַזירט זיין ווערק אויף דעם מאַטעריאַל וואָס ער האָט צענויפגעקליבן פון חיבורים, ספרים און מאַנוסקריפּטן פון מיטלאַלטער, וועלכע זיינען פאַרשפּרייט אין פיל מלוכה־ביבליאָטעקן. אַ סך פון זיי זיינען גאָר יקרי המציאות, נישט בנמצא ביי פּריוואַטע לייט, און דער געוויינלעכער מענטש קען זיי גאָר נישט באַקומען. ער האָט באַנוצט די ווערק פון אידישע היסטאָריקער ווי: צונץ, גרעטץ און דאָס גלייכן און אויך פיל ווערק פון קריסטלעכע שרייבער. עס איז גענוג אָנצעווייזן אויף נאָר אַ טייל פון די מקורות פון וועלכע זיין אַרבעט איז געשאַפן געוואָרן כדי צו האָבן אַ

באַגריף פון אַזאַ קאַלאָסאַלער שאַפונג. ווי צום ביישפיל: לקט יושר *), ספר הנצחון, מנהגים, המזכיר לשטיינשניידער, ספר חסידים, מנהגי מהר"ל, כתבים למהר"י איסרלין, שו"ת חות יאיר, שו"ת ר' יהודה מינץ, שו"ת מהר"י ווייל, שו"ת מה"ריל, שו"ת מה"רם מינץ, שו"ת מה"רי קולון, שו"ת מה"רי ברונא, שו"ת מהר"ם פאדובה, תרומת הדשן און נאָך. נאָכדעם קומט אַ לאַנגער צעטל פון ספרים און מאַנוסקריפטן אין דייטש, לאַטיין און איטאַליעניש, געשריבן פון אידן און קריסטן.

דער פּראָפעסער אין דייטש און דער העברעאישער אי־בערזעצער זיינען געווען זייער פּראַזיכטיק אין זייערע פאַר־צייכנונגען פון פאַקטן און געשעענישן. איך פון מיין זייט האָב זיי נאָכגעפאָלגט און ברענג דאָס דעם אידישן לייענער. וזה שכרי!

---

*) אַ כתב־יד פון ר' יוסף ב"ר משה ממינשטער אין דער מינכענער ביבליאָטעק.

תודה

צו קאָלעגע נייטן קראַוויץ, רעדאַקטאָר פונעם "דער אידישער וועג" שיקאַגע, פאַר זיין הילף און עצות בנוגע דעם שרייבן. אויך צו חבר דר. משה זאַלעסקי, דירעקטאָר פונעם "אידישן דערציאונגס ביורא" אין סינסינעטי, אין מאַכן וויכטיקע הגהות און תיקונים אין כתב־יד.

כולם יעמדו על הברכה

נ. ד.

אינהאַלט

אַ קורצע הקדמה — 5

קאַפּיטל איינס

דאָס אידישע לעבן אין מערב אייראָפּע ביים סוף פון מיטלאַלטער — 13

קאַפּיטל צוויי

די שוואַרצע מגפה און איר נאָכווייען — 18
די פינצטערע מאָמענטן — 18
די גייסטיקע ירידה — 19
אַ שטראַל פון ליכט — 21
די גדולים און זייער שאַפונג — 22
די פירערשאַפט פון די רבנים ביז דער שוואַרצער מגפה — 25
די רבנות נאָך דער שוואַרצער מגפה — 28
די רעגירונגען ווילן קאָנטראָלירן רבנות — 30
דאָס לעבן פון די רבנים — 32

קאַפּיטל דריי

ישיבות, ישיבה בחורים און זייער לעבן — 35
אַן אַלגעמיין בילד — 35
דער סדר הלימודים אין די ישיבות — 39
דער ביטראג פון די תלמידים — 40
דאָס לערנען און למדנות — 41
די באַציאונג צו אַנדערע לימודים אַ חוץ תלמוד — 43
די ראשי הישיבות און די תלמידים — 44
די דייטשע שפּראַך און די אידן — 45

אינהאַלט

קאַפּיטל פיר

דאָס געזעלשאַפטלעכע, קולטורעלע און רעליגיעזע לעבן
פון די קהלות — 49
פאַרשיידענע קאַטעגאָריעס — 49
דער יסוד פון די קהלות — 51
די קהלה פאַרוואַלטונג — 53
תפלות, חזנים און די שול — 55

קאַפּיטל פינף

דאָס אינערלעכע אידישע לעבן — 57
די אידישע פרוי — 58
עלטערן און קינדער — 59
אַנדערע מנהגים און מידות — 61
קינדער דערציאונג — 63
שידוכים און חתונות — 67
די פייערונגען ביי תנאים און חתונות — 70
אין צייט פון טרויער — 72
די הויזווירטשאַפט, עסן, קליידונג און פאַרוויילונגען — 74

קאַפּיטל זעקס

די באַציאונג צווישן אידן און קריסטן — 77
די קירך און די גייסטלעכע — 77
דער רעליגיעזער פאַנאַטיזם און דיסקוסיעס — 80
די מכה פון משומדים — 81
מיספאַרשטענדעניש און אַבערגלויבן בנוגע אידן — 83
ווי אידישקייט האָט געווירקט אויף קריסטן — 85
וויכוחים וועגן רעליגיע — 86

אינהאַלט

קאַפּיטל זיבן

אונטער דער וועלטלעכער השפּעה — — — — — — — — — 89

בילדונג און קולטור — — — — — — — — — — — — — 89

פּיזישע איבונגען און אונטערהאַלטונגען — — — — — — — — — 92

קאַפּיטל אַכט

די אידן אויפן עקאָנאָמישן געביט — — — — — — — — — 95

אידישע פּרנסות — — — — — — — — — — — — — — — 95

פינאַנצן און הלוואות — — — — — — — — — — — — 97

אידישע דאָקטוירים — — — — — — — — — — — — — 102

דייטשע שנאָרערס און אידישע וואַנדערער — — — — — — — — 105

דייטשן און אידן בנוגע פאַלשע פּראָדוקטן — — — — — — — — 108

קאַפּיטל ניין

עטיק און גוטע מידות — — — — — — — — — — — — 109

קאַפּיטל צען

שטריכן פון די אידן אין אויבער איטאַליע — — — — — — — 113

איך האָב געלייענט דעם מאַנוסקריפּט,
פון רבי אברהם א. אברמביץ — — — — — — — — — — 123

דער ווידערגעבורט פונעם אידנטום

קאַפּיטל איינס

דאס אידישע לעבן אין מערב אייראָפּע ביים סוף פון מיטלאַלטער

אײדער מיר קומען צו דעם פּעריאָד וועלכן מיר באַהאַנדלען, ווילן מיר געבן אַן אַלגעמיינע שילדערונג פונעם אידישן לעבן אין עטלעכע אייראָפּעאישע לענדער מיט הונדערט יאָר פריער.

שפּאַניע, ווי באַוואוסט, איז געווען זינט נאָך דעם לעצטן חורבן, פאַר פיל דורות, דער זיכערסטער פּלאַץ וואו אידן און אידישקייט האָבן געבליט און געשאַפן אויף אַלע געביטן פון תורה און חכמה. עס איז קיין וואונדער נישט וואָס היסטאָריע האָט צוגעפּאַסט אַזאַ גע־לונגענעם נאָמען צו דער דאָזיקער צייט, באַצייכנדיק זי אַלס די "גאָלדענע עפּאָכע" פאַר אידן דאָרטן ביזן גרויסן גירוש אין יאָר 1492. עד היום שטייען מיר אונטער דער ווירקונג פון די גייסטיקע שאַפונגען פון יענער צייט אויף אונדזער לאַנגער וואַנדערונג איי־בער דער וועלט.

מיט טויזנט יאָר צוריק לערך (יאָר 1000) האָבן די ליכטיקע שטראַלן פון דער "גאָלדענער עפּאָכע" שוין אָנגעהייבן צו שיינען פאַר די אידן אין פראַנקרייך. אַ נייע תקופה פון שאַפונג, קולטור, חכמה און תורה האָט באַלויכטן דעם אידישן ישוב דאָרטן. עס איז

געגוג צו דערמאָנען נאָר עטלעכע חכמים, וועלכע זיינען די זיילן פונעם קיום היהדות ביז היינטיקן טאָג: ר' שלמה ב"ר יצחק—רש"י, וועלכער ווערט געשטעלט אויף איין מדרגה מיטן רמב"ם, ניט אכטנ־דיק וואָס זיי זיינען געשטאַנען אונטער דער ווירקונג פון צוויי באַ־זונדערע קולטורן. שפּאַניע און פראַנקרייך זיינען געווען ווייט איינע פון דער צווייטער אין גייסט און געדאַנק און דאָס האָט געמוזט זיך אָפּשפּיגלען און ווירקן אויף דער אַנטוויקלונג פון יהדות.

נאָך רש"י'ן קומט זיין אייניקל "רבינו יעקב איש תם" מיט זיינע חברים, די "בעלי התוספות". ביידע, דער זיידע אַלס דער גרע־סטער לערער צו פאַרטייטשן מיטן פשוט'ן שכל דעם תנ"ך און תלמוד, און דער אייניקל מיט די אַנדערע וועלכע האָבן אויסגעברייטערט די באַדייטונג און געזעצגעבונגען פון דער משנה און גמרא. זייער אַר־בעט און שאַפונג וועלן פאַרבלייבן עד סוף הדורות אַלס דער יסוד פון יהדות און דער סוד פון דער עקזיסטענץ פונעם אידישן פאָלק.

דאָס לעבן און שאַפונג פון די אידן אין פראַנקרייך זיינען אָנגעגאַנגען מער אָדער ווייניקער נאָרמאַל פאַר פיל דורות. אי־דישע תורה און חכמה האָבן געוואָקסן און גרויסע געלערנטע זיינען אויפגעקומען אין אַלע ישובים דאָרטן דורך זייערע ישיבות און תלמידי חכמים. די מסעי הצלב וואָס האָבן זיך אָנגעהייבן צום סוף פון עלפטן יאָרהונדערט, פלעגן אָפט איבעררייסן דעם נאָרמאַלן צו־שטאַנד דאָרטן. קוואַלן פון פרנסה זיינען געמינדערט געוואָרן פאַר אַ גרויסן טייל קהלות און פיל זיינען געווען געצוואונגען זיך אַרויס־צולאָזן אין ווייטע מדינות. אָבער ווי נאָר דאָס לאַנד האָט זיך באַ־רוהיקט און די רייזנדע האָבן זיך אומגעקערט אַהיים, איז דאָס לעבן צוריק באַנייט געוואָרן. די דאָזיקע נסיעות האָבן נאָך מער פאַר־שטאַרקט זייערע פּאָזיציעס אין לעבן, ווייל זיי האָבן געבראַכט מיט זיך פיל נייע פּלענער פון אַנדערע מקומות פאַר שאַפונג, מסחר און

אויך אינדוסטריע. אַזוי איז דאָס לעבן פֿון דער אידישער פֿראַנקרייך אַנגעגאַנגען פֿאַר אַ לאַנגער צייט ביז דער גרויסער קאַטאַסטראָפֿע אין יאָר 1306. "פֿיליפּ דער שיינער" (1285־1314) האָט אַרויסגע־טריבן כמעט אַלע אידן פֿון לאַנד, און די היסטאָריע־שאַפֿנדע פֿע־דים פֿון די אידן אין פֿראַנקרייך זיינען איבערגעריסן געוואָרן.

אָבער, ווי געזאָגט, נאָך דער נאַכט קומט דער טאָג. די זון האָט צוריק אָנגעהייבן צו שיינען און דאָס אידישע לעבן האָט אויפֿ־געלעבט אין די שכנישע מדינות, די דייטשע פּראָווינצן.

געננוי ווען אידן האָבן זיך באַזעצט אין די דייטשע פּראָווינצן איז נישט קלאָר. אייניקע היסטאָריקער, לויט גרעטץ'ן (חלק ב'), גיבן אָן אַז נאָך פֿאַרן בוצרי'ס געבורט האָבן אידן זיך שוין געפֿונען אין דער שטאָט רעגנשבורג. אין 14טן יאָרהונדערט, אין מה"ריל'ס צייטן, האָט מען געפֿונען, אויפֿן קבר פֿון אַ אידישער פֿרוי, אַ מצבה וואָס איז שוין דעמאָלט אַלט געווען איבער טויזנט יאָר. אָבער היסטאָריש קען מען פֿעסטשטעלן אַז אין ניינטן יאָרהונדערט איז שוין געווען אין געוויסע דייטשע פּראָווינצן אַ באַדייטנדער אידישער ישוב. לויט די דאָקומענטן וואָס ווערן געבראַכט ביי די היסטאָריקער צונץ, גרעטץ און אַנדערע, האָט זיך די אידן דאָרט געלעבט נישט שלעכט און אפֿשר גאָר זיכער.

אין יענער צייט האָט די קאַטוילישע קירך געהאַט אַ קליינע ווירקונג אויף דער דייטשער באַפֿעלקערונג. דאָס קריסטנטום איז נאָך ניט געווען צו טיף איינגעוואָרצלט אין זייערע הערצער און גע־דאַנקען. אַ באַדייטנדער טייל פֿון די דייטשן האָט זיך נאָך געהאַלטן ביי געצנדינער׳יי און דעריבער איז די שנאה צו זייערע אידן־שכנים נישט געווען אַזוי אָנגעמערקט. אידן האָבן פֿיל גערייזט איבער וויי־טע לענדער, זיך איינגעשאַפֿט וויסן און שפּראַכן, פּאָליטיק און עב־לעכע געביטן וואָס זיינען געווען פֿרעמד צו די דייטשע מאַסן. שטיי־

ענדיק קולטורעל העכער, איז די באַציאונג פֿון דער הערשנדער מאַכט צו זיי געווען פֿריינטלעך. מען האָט זיך געניייטיקט אין אידן און זיך געווענדעט צו זיי נאָך עצות און שטיצע בנוגע געזעלשאַפֿט־לעכע און פּאָליטישע אַנגעלעגנהייטן. און אַזוי האָבן זיי געהאַט די אויבערהאַנט אין ציווילן לעבן איבער אַנדערע קלאַסן פֿון דער באַפֿעלקערונג.

דאָס רואיקע לעבן האָט די אידן געגעבן אַ מעגלעכקייט צו אָרגאַניזירן דאָרטן ישיבות, וועלכע האָבן אַרויסגעגעבן גדולים און תלמידי חכמים אין תורה און אידישקייט. דערהויפּט האָבן זיך אויס־געצייכנט די ישיבות אין די פּראָווינצן אַרום דער טייך רהיין. מיט דער צייט זיינען די ישיבות געוואָרן באַוואוסט און זייערע נעמען האָבן דערגרייט צו די אַרומיקע מדינות. לויט די "שאלות ותשובות" פֿון הריב"ש זיינען די ישיבות דאָרטן געשטאַנען העכער אין לער־נען ווי די אין איטאַליע. אַפֿילו פֿון פֿראַנקרייך איז מען געפֿאָרן קיין דייטשלאַנד צו לערנען תורה אין די מאגענצא און ווערמייזע ישיבות. עס זיינען דאָ היסטאָרישע דאָקומענטן אַז רש"י אַליין מיט זיינע חברים, די גדולים פֿון יענער צייט, האָבן פֿאַרווײַלט אַ געוויי־סע צייט אין די אויבנדערמאָנטע ישיבות. אין ספֿרים וואָס זיינען געשאַפֿן געוואָרן אינעם 13טן יאָרהונדערט אין דייטשלאַנד, געפֿינט מען פֿיל פֿראַנצויזישע ווערטער און אַמאָל גאַנצע אויסדרוקן וועלכע צייגן אַז די געלערנטע פֿוןביידע לענדער זיינען געווען אין נאָענטע פֿאַרבינדונגען וועגן אידישע ענינים. דער פּרסום פֿון די דאָזיקע ישיבות האָט דערגרייכט ווייטער צום מזרח און תלמידים האָבן זיך געצויגן אַהין פֿון פּוילן, רוסלאַנד, בעהמען און אונגאַרן.

אַזוי זיינען די דייטשע פּראָווינצן אין פֿאַרלויף פֿון עטלעכע יאָרהונדערט געווען דער צענטער פֿון תורה און חכמת ישראל פֿאַר אייראָפּעאישע אידן ביז דעם גרויסן חורבן אין דעם פֿערצנטן יאָר־

הונדערט. צוליב דער שוואַרצער מגפה איז דאָס אידנטום דאָרטן כמעט פאַרניכטעט געוואָרן, און אַ נייע תקופה האָט זיך נאָכדעם אָנ־געהייבן אין אידישן לעבן ווי מיר וועלן באַשרייבן אין די ווייטער־דיקע קאַפּיטלעך.

קאַפּיטל צוויי

די שוואַרצע מגפה און אירע נאָכווייען

די פינצטערע מאָמענטן

דער פערצנטער יאָרהונדערט איז דער טרויעריקסטער פּע־ריאָד אין דער אידישער געשיכטע פון פאַרשיידענע מערב אייראָ־פּעאישע לענדער, דערהויפּט דייטשע פּראָווינצן.

אין די יאָרן 1348־49, האָט אויסגעבראָכן די באַוואוסטע „שוואַרצע מגפה" וואָס האָט אומגעבראַכט הונדערטער טויזנטער מענטשן פון אַלע קלאַסן, אָרימע און רייכע צוגלייך. שונאי ישראל (דער אָרגאַניזירטער אַנטיסעמיטיזם איז נאָך אויף דער וועלט נישט

געוועזן) מיט דער הילף פון די גלחים, האָבן געהאַט דורכדעם אַ גוטע געלעגנהייט צו נעמען נקמה פון די אידן. זיי האָבן פאַרשפּרייט אַ בלבול, אַז די אידן האָבן פאַרסם'ט די ברינימער מיט דער כוונה אויסצעראָטן די קריסטלעכע באַפעלקערונג. עס האָט נישט געהאָלפן דער פאַקט וואָס איז באַשטעטיקט געוואָרן אויך פון אייניקע קריסט־לעכע שרייבער, גראָדע נישט קיין איבעריקע אוהבי ישראל, אַז אין ווין איז די צאָל פון געפאַלענע אידן געוועזן פיל גרעסער לויט זייער פּראָפּאָרציע. און מסתמא איז דאָס זעלביקע געשען אויך אין פילע אַנדערע שטעט. דער עקאָנאָמישער צושטאַנד פון די אידן דע־מאָלט איז געווען אומדערטרעגלעך; מען האָט געראַבעוועט און גע־פּלינדערט אידיש האָב און גוטס אין מערסטע דייטשע שטעט און נאָכדעם זיי געמאָרדעט. *) אַ טייל פון זיי האָבן זיך געראַטעוועט אַנטלויפנדיק אין אַנדערע לענדער און פיל האָבן זיך גאָר גע'שמד'ט אַבי צו בלייבן לעבן. אידישע קהלות זיינען כמעט אינגאַנצן חרוב געוואָרן, און דאָרט וואו אידן זיינען יאָ געבליבן, האָט זיך דאָס לעבן אין זייערע אינסטיטוציעס לחלוטין אָפּגעשטעלט.

די גייסטיקע ירידה

דער דאָזיקער יאָרהונדערט ווערט פאַררעכנט אין דער דייטשער אידישער געשיכטע אַלס דער אָרימסטער אין גייסט און קולטור. די ליטעראַרישע שאַפונג זייערע איז פאַרדונקלט געוואָרן און

---

*) די דאָזיקע צייט איז באַוואוסט אין דער היסטאָריע אַלס "גזירות ק"ט".

שוין מער נישט געווען אַזוי פּראָדוקטיוו ווי אַמאָל. געזעצן און תקנות מיט וועלכע דאָס אידישע לעבן איז געווען אַזוי באַרימט אין אונדזער געשיכטע, און וועלכע האָבן פֿאַראייניקט אַלע אידישע ישו־בים איבער די פּראָווינצן, האָבן מער נישט עקזיסטירט, אַ פֿול־שטענדיקער כאַאָס האָט אַרומגענומען דעם אינערלעכן לעבן פֿון דער אידישער באַפֿעלקערונג. יעדע קהלה, ווי קליין זי איז געווען, האָט געמאַכט אירע אייגענע תקנות בנוגע אידישע ענינים און אי־דישקייט, מיט דעם רעזולטאַט, אַז פֿיל סכסוכים און מחלוקת׳ן זיינען צוליב דעם פֿאָרגעקומען צווישן די קהלות. אַפֿילו די רבנים האָבן פֿאַרלאָרן זייער אויטאָריטעט ביים עולם. עס איז פֿאַרשוואונדן גע־וואָרן דער אַמאָליקער גלאַנץ פֿונעם הויפּט־ראַבינער, אָדער דער רב הכולל און דער גאון, צו וועלכע מ׳פֿלעגט זיך צוהערן מיטן טראַ־דיציאָנעלן יראת הכבוד. יעדער רב אין זיין קהלה האָט גע׳פּסק׳נט לויט זיין ווילן און אייגענעם פֿאַרשטאַנד און דאָס האָט געפֿירט צו מסירות, מחלוקת און אָפּטמאָל אויך צו אַ חרם. דערצו נאָך, צו־ליב דעם שרעקלעכן עקאָנאָמישן מצב וואָס די אידישע באַפֿעלקערונג האָט דורכגעלעבט נאָך די גרויסע רדיפֿות, איז די מאָראַל פֿון די מאַסן זייער שטאַרק געפֿאַלן.

אין אַזאַ צושטאַנד האָבן זיך געפֿונען די אידן אין מערב אייראָפּע, דערהויפּט אין די דייטשע פּראָווינצן, אינעם לעצטן העלפֿט פֿונעם פֿערצנטן יאָרהונדערט. ווי פֿריער אָנגעמערקט, האָט יעדע קהלה געשאַפֿן אירע אייגענע תקנות ווי מען קען נאָך עד היום גע־פֿינען אין פֿיל רבנישע ספרים, סידורים און מחזורים. זיי ווערן גע־צייכנט מיט פֿאָלגנדע נאָטיצן: ״כמנהג פּוזן״, — ״אושטרייך״, — ״שלעזן״, און אַזוי ווייטער. עס איז צו באַמערקן אַז דייטשלאַנד אַלס זעלבשטענדיקע מדינה האָט נאָך דעמאָלט נישט עקזיסטירט. די דייטשע ראַסע איז געווען צעטיילט אין פֿאַרשיידענע פּראָווינצן, און

יעדע פון זיי האָט זיך אונטערשיידט פון אַנדערע מיט אירע קולטור אייגנשאַפטן ווי אויך מיט אייגענע מושלים, פרינצן אָדער דוכסן.

אַ שטראַל פון ליכט

אין משך פון פיל צענדליקע יאָרן איז דאָס אידישע לעבן כמעט ווי פאַרגליווערט געוואָרן. אָבער "נצח ישראל לא ישקר", און לויט אונדזער געשיכטע, איז דער גייסט פון אידישער תורה און חכמה קיינמאָל נישט אַראָפּ פון דער וועלט־סצענע אויף אַ לאַנגער צייט. גאָר אין קורצן זיינען אויפגעשטאַנען נייע תלמידי חכמים, וועלכע האָבן באַזעסן אַ שטאַרקן גייסטיקן ווילן ממשיך זיין דעם טראַדיציאָנעלן אידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן און עס צופירן צו דער אַמאָליקער שטופע.

ערשטנס האָבן זיי גענומען שאַפן אַ פאַראייניקונג צווישן זיך אַליין כדי מיט דעם ווירקן אויף די ברייטע מאַסן. אין פאַרלויף פון די צענדליקע שרעקלעכע יאָרן וועלכע די אידן האָבן דורכגעלעבט, איז קיין נייע שאַפונג ניט פאָרגעקומען. דאָס גאַנצע אידישע קול־טורעלע און רעליגיעזע לעבן האָט זיך געשטיצט אויף מינהגים און זכרונות וואָס זיינען איבערגעגעבן געוואָרן פון מויל צו מויל. דעריבער איז די הויפּט אַרבעט מיט וועלכער די אידישע גייסטיקע פירער האָבן פריער ווי אַלץ זיך גענומען באַשעפטיקן, באַשטאַנען אין דורכזיפּן און אַנאַליזירן די אַלע מינהגים אין פאַרשיידענע קהי־לות; זען אויף וויפיל זיי האָבן אַ שייכות צו די אָריגינעלע געזעצן און תקנות וואָס זיינען באַזירט אויף דער שאַפונג פון אונדזערע גדולים און זייערע ספרים פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט. די

רבנים, וועלכע זיינען געוועזן אויך די ראשי הקהל אין די מערסטע ישובים און שטעטלעך, האָבן זיך דורכגעשריבן צווישן זיך, גע־פרעגט עצות איינער ביים צווייטן אויב דער מינהג אָדער אַ צווייטער זיינען אין איינקלאַנג מיטן גייסט פון די פוסקים (געזעץ געבערס) פון די פריערדיקע דורות. און אַזוי האָט זיך געשאַפן די ווייט פאַר־שפרייטע און באַוואוסטע צום היינטיקן טאָג רבנישע ליטעראַטור מיטן נאָמען "שאלות ותשובות". אַ חוץ דעם האָט זיך געפונען אַ גרויסער צאָל רבנים וועלכע האָבן זיך געפילט נישט גענוג שטאַרק אין זייער קענטשאַפט פון דער תלמודישער ליטעראַטור. די לעצטע, זייענדיק ערלעך אין זייער רבנישער מיסיע, האָבן זיך נישט דער־לויבט צו באַשליסן אַ פּראָבלעם אָדער פּסק'נען אַ שאלה ווי געהעע־ריק ביז וואַנען זיי האָבן זיך פריער נישט אָנגעפרעגט ביי די גרויסע אויטאָריטעטן.

אין אַזאַ מצב, קען מען זאָגן, האָט דער אויבנדערמאָנטער פעריאָד נישט געקענט אַרויסברענגען קיין צופיל גרויסע שאַפער אין תורה ביי די דייטשע אידן. נאָר אייניקע געציילטע האָבן זיך דעמאָלט אויסגעצייכנט מיט זייער אָנטשלאָסענעם מוט צו שאַפן ספרים וואָס האָבן געטראָגן מער אָדער ווייניקער אַן אויסזען און כאַראַקטער פון געזעצגעבונג. אין אַנדערע ווערטער — אַ המשך פון די אַמאָליקע פוסקים.

די גדולים און זייער שאַפונג

ווייניק היסטאָרישע דאָקומענטן זיינען בנמצא וועגן דעם לעבן פון די געציילטע גרויסע וואָרט־פירער אין יהדות פון דער דאָזיקער

צייט. נאָר פון די "שאלות ותשובות" ספרים קען מען קריגן אַ גע־וויסן באַגריף פון זייער לעבן און שאַפונג.

דער מער באַרימטער און באוואוסטער גדול פון זיי איז געווען "מהר"יל" — א קצור פון מורינו הרב רבי יעקב בן משה הלוי, וועל־כער איז געבאָרן אין מאַגענצא, יאָר 1350 (אומגעפער; דער גענויער דאַטום איז אומבאַקאַנט.) ער האָט געשריבן פיל ספרים אָן קיין כוונה זיי צו פאַרעפנטלעכן. נאָר זיינע "שאלות ותשובות", וועלכע ער האָט באַטראַכט אַלס וויכטיקע כלל ענינים, האָט ער יאָ אָנגע־הייבן ברענגען אין אָרדענונג, אין די לעצטע יאָרן זיינע, און צו־גרייטן צום דרוק וואָס איז נאָר וואָס דערפונדן געוואָרן. אָבער אים איז נישט באַשערט געווען דורכצופירן זיין פּלאַן אין לעבן. די קינ־דער האָבן זיך צעטיילט מיט זיינע כתבים, נאָר מיט דער צייט איז דער גרעסטער טייל פון זיי, צום באַדויערן פאַרלאָרן געגאַנגען. נאָר זייער ווייניק תשובות איז געלונגען צו ראַטעווען און נאָכדעם עס אָפּדרוקן (ווען דרוקעריי איז שוין אַנטוויקלט געוואָרן) אין אַ קליי־נער זאַמלונג אַלס "שאלות ותשובות מהר"יל".

איינער פון זיינע געטרייע תלמידים האָט גענומען אויף זיך אַ וויכטיקע און קאָלאָסאַלע אַרבעט. פאַר אַ לאַנגער צייט נאָכן טויט פון מהר"יל זיינען אַרומגעגאַנגען פון מויל צו מויל צווישן דעם ברייטן עולם אין פיל שטעטלעך, פּרשיידענע דערציילונגען און זאָ־גערייען אין זיין נאָמען בנוגע רעליגיעזע ענינים, קהל'שע פּראָ־בלעמען און פאַמיליען אינטערעסן. דער דאָזיקער תלמיד האָט דאָס אַלעס צוזאַמענגעקליבן און נאָכדעם עס אַרויסגעגעבן אין אַ בוך פאָרם אונטערן נאָמען "מינהגים". אָט דער ספר האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע פאַר פילע דורות אַלס וועגווייזער אין געזעלשאַפט־לעכן און רעליגיעזן לעבן פון די אידן אין יענער צייט*).

*) אַפילו היינט איז עס אַ וויכטיקער מקור פאַר היסטאָריקער.

נאָך עטלעכע גרויסע רבנים, וועלכע רעכענען זיך אַלס אידישע וואָרטפירער, דעמאָלט אין מערב איראָפּע, זיינען די ווייטערדיקע: צום ערשטן קומט דער באוואוסטער גדול הר״ר מאיר הלוי פון ווין, וועלכער האָט געהאַט אַ גרויסע השפעה פאַר תורה און חכמה אויף פיל אַנדערע רבנים שפּעטער. גראַדע אין דעם פּעריאָד פון וועלכן מיר רעדן איז עסטרייך געווען דער צענטער פון יהדות. די רדיפות אויף אידן דאָרטן זיינען געווען פיל ווייניקער און דאָס האָט זיי געגעבן אַ מעגלעכקייט צו לערנען אומגעשטערט. פון אַלע רהיין פּראָווינצן, אַזוי ווייט ווי פּראַנקרייך, האָבן זיך יונגעלייט געצויגן נאָך די דריי ישיבות אין עסטרייך: ווין, קרימז און ניישטאַט. רבי מאיר הלוי, זייענדיק נאָך יונג, איז געווען איינער פון זיי, וועלכער האָט זיך באַזעצט אין ווין און ממשיך געווען זיין לערנען אין דער דאָרטיקער ישיבה. גאָר אין קורצן איז ער איבעראַל מפורסם געוואָרן אַלס אַ גרויסער אויטאָריטעט אין תורה. אין פאַרלויף פון דער צייט האָט ער אַליין געגרינדעט אַ ישיבה אין ווין, פון וועלכער עס זיינען נאָכדעם אַרויסגעקומען פיל גרויסע רבנים אין די דייטשע און רהיין פּראָווינצן, אויך פראַנקרייך און פוילן.

ווייטער קומען די רבנים: מהר״י ווייל, מהר״י ברונא, מהר״ם מינץ, ר׳ ישראל פתחיה אָדער ר״י ניושטאַדט. די פאַמיליע נעמען מיט וועלכע זיי רופן זיך זיינען לויט די שטעט וואו זיי האָבן געגרינדעט ישיבות אָדער פאַרבראַכט דאָרטן אין לערנען, שאַפן חבורים און זיך פאַרנומען מיט שאלות ותשובות. דער לעצטער, ר׳ ישראל ב״ר פתחיה, האָט זיך אויסגעצייכנט מער ווי אַנדערע מיט זיינע ספרים. זייענדיק דערצו אויך אַ געזעלשאַפטלעכער עסקן און קומענדיק אין באַרירונג מיט דער אויסערלעכער וועלט, איז ער דאָרטן געווען באוואוסט מיטן נאָמען ״איסרליין״*) און אַזוי איז דער

---

*) אַ פאַרדרייטער נאָמען פון ישראל.

דאָזיקער נאָמען פֿאַרבליבן אויך צווישן די אידן. ער איז געווען אַ גרויסער עניו, נישט דערלאָזט מ'זאָל אים רופֿן "רב" אָדער אַנדערע טיטולן. אַפֿילו אום שבת און יום־טובים צו קריאת התורה האָט ער געפֿאָדערט מ'זאָל אים אויפֿרופֿן נאָר מיט זיין נאָמען. "ר' ישראל ב"ר פתחיה". אין די יונגע יאָרן האָט ער פֿיל געריזט און געלערנט אין די ישיבות פֿון ווין און די אַרומיקע שטעט. אויך האָט ער פֿיל פֿאַרבראַכט אין די ישיבות פֿון איטאַליע און דורכדעם האָט ער באַקומען אַ גוטע קענטשאַפֿט אין דער איטאַליענישער שפּראַך און ליטערטור.

אַ צעטל פֿון נאָך גרויסע רבנים קען מען אויסרעכענען, אַזעלכע וועלכע האָבן גענומען אַן אַנטייל אינעם צוריקאויפֿשטעלן און ברענגען אין אָרדענונג דעם אידישן לעבן וואָס איז כמעט חרוב געוואָרן. די דאָזיקע רבנים האָבן געבויט ישיבות כמעט אין יעדער שטאָט וואו זיי האָבן זיך באַזעצט. און אַזוי, טריט ביי טריט, איז צוריקגעקומען דער ווידערגעבורט פֿונעם בנין ישראל און זיין תורה לויט דעם גייסט פֿון יענער צייט.

די פירערשאַפט פון די רבנים ביז דער "שוואַרצער מגפה"

ווען מען בלעטערט דורך די אידישע געשיכטע גלייך נאָכן שלוס פֿון תלמוד, איז לייכט זיך צו דערקונדיקן אַז די אַמאָליקע רבנים און תלמידי חכמים זיינען געווען די אויסשליסלעכע פירער אין זייערע קהלות. דער איינפֿלוס זייערער אויפֿן געזעלשאַפֿטלעכן און קולטורעלן לעבן איז געווען אומגעהייער גרויס. רייכע ווי אָרי־

מע האָבן געפירט זייער לעבן לויט די דינים און געזעצן וואָס די רבנים האָבן געשאַפן און אַכטונג געגעבן אַז זיי זאָלן זיין אין איינ־קלאַנג מיטן גייסט פון דער תורה און די אידישע פאָלקס טראַדי־ציעס. אַזאַ דערשיינונג איז פאַר אונדז, אין דער מאָדערנער צייט, וועלכע קומען אין באַרירונג מיט רבנים, גאָר פרעמד, און פאַר אַנ־דערע איז עס נישט מער ווי אַ לעגענדע. אָבער דער פאַקט בלייבט אַז אַזאַ צושטאַנד האָט עקזיסטירט אין אונדזער געשיכטע ווי מיר וועלן ווייטער אָנצייכענען.

דער איד האָט דעמאָלט, אַממערסטן געלעבט אָפּגעזונדערט פון דער אַרומיקער וועלט בנוגע זיין אינערלעכן לעבנסשטייגער. אין פיל לענדער זיינען אידן געווען באַזעצט אין געטאָס, און אין די פלעצער וואו געטאָס האָבן נישט עקזיסטירט, האָבן זיי געוואוינט נאָענט איינער צום צווייטן. דאָס איז געווען אַ מין שוץ־וואַנט וואָס האָט פאַרזיכערט דעם אידן אַז ער זאָל קענען לעבן אין גייסט פון אידישקייט, ווי זי איז איבערגעגאַנגען צו אים בירושה פון זיינע אבות. זיין גאַנצער קולטור־וועזן, וועלטלעך און רעליגיעז, איז געווען באַזירט אויף תורה ומצוות. דעריבער זיינען רבנים געווען די וואָרט־פירער פונעם גאַנצן אידישן לעבן.

אָבער רבנות, דעמאָלט, האָט זיך נישט גערעכנט אַלס פראָפע־סיע, ווי מיר פאַרשטייען עס איצט. יעדער תלמיד חכם איז ראוי גע־ווען צו פסק'נען שאלות, לערנען תורה מיט אַנדערע אָדער פירן אַ ישיבה, אַלץ אומזיסט אָן שום שכירות. אַפילו פון קהל'ש שטייערן האָט ער זיך נישט געקענט באַפרייען און געמוזט צאָלן גלייך ווי אַנדערע. זיין חיונה האָט ער געצויגן פון אַנדערע פרנסה־קוואַלן; פיל רבנים זיינען געווען פעלד־אַרבעטער, סוחרים, שרייבער, סע־קרעטאַרן, דאָקטוירים און דאָס גלייכן. אין דער אמת'ן האָט דער דאָזיקער מצב עקזיסטירט נאָך פריער, אין משנה און תלמוד

צייטן און אויך אין דעם שפּאַניש־אַראַבישן פּעריאָד. יעדער איינער וואָס האָט גקעענט גרינטלעך לערנען, איז געווען באַרעכטיקט צו זיין אַ לערער און אַ רב פאַר אַנדערע. און אַזוי האָט זיך דער צו־שטאַנד געצויגן ביז דער תקופה וועלכע מיר באַשרייבן.

צווישן די לערנער האָט געהערשט אַ גרויסע אחדות און אַ פאַרבינדונג בנוגע אידישע אינטערעסן. מענטשן פון אַלע קלאַסן, רייכע, אָרימע, בעלי מלאכות, רעגירונגס בעאַמטע און סוחרים פלעגן זיך צוזאַמענקומען אין בית המדרש וואָס האָט געדינט אַלס אַ מין ליטעראַרישער קלוב. דאָרטן זיינען פאָרגעקומען דיסקוסיעס, פלפולים וועגן וויכטיקע ענינים בנוגע טאָג־טעגלעכע סאָציאַלע און רעליגיעזע פּראָבלעמען. מען האָט זיך צוגעהערט צו יעדן איינעם וועלכער האָט נאָר געוואָלט עפּעס זאָגן. זייער מאָטאָ איז געווען: נישט ווער עס זאָגט, נאָר וואָס מען זאָגט. כבוד און אַנערקענונג פלעגט מען צוטיילן די פּערזאָן וועלכע האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ שכל־דיקער מיינונג און פאַרשטענדעניש אין אידישע כלל־זאַכן, ניט אַכטנדיק צו וועלכן קלאַס אין סאָציאַלן שיכט יענער האָט באַלאַנגט. דער לערנער איז געווען דער אויטאָריטעט צו וועלכן אַלע האָבן זיך באַצויגן מיטן גרעסטן יראת הכבוד. דעמאָלט האָט דער מין "סמיכה" מיט וועלכן מ'קרוינט אַ נייעם רב, נאָך נישט עקזיסטירט. פונדעסט־וועגן האָט קיין תלמיד חכם, ווי גרויס ער זאָל זיין, נישט געוואָלט פּסק'ענען שאלות אָדער מאַכן באַשלוסן אין געוויסע רעליגיעזע ענינים ביז וואַנען ער האָט געקראָגן רשות פריער פון זיין רבי'ן ביי וועלכן ער האָט אַמאָל געלערנט אין דער ישיבה. אַזוי איז דער כבוד התורה געווען געאַכטעט בכלל.

אויף אַזאַ הויכן מצב זיינען די רבנים, די פירער פון אידישע קהלות געשטאַנען פאַר הונדערטער יאָרן זינט דעם שלוס פון תלמוד ביז עטלעכע יאָרהונדערט, נאָך פאַר דעם פּעריאָד וואָס מיר באַ־

האַנדלען, ווען אַ גרויסע ענדערונג איז פֿאָרגעקומען. די פֿאַרשיי־דענע גזירות און אומגליקן וואָס האָבן פֿאַרפֿאָלגט די אידן פֿון צייט צו צייט אין געוויסע לענדער, האָבן געצוואונגען פֿיל רבנים צו פֿאָדערן שכירות פֿאַר זייער רבנות. אַ טייל גאונים האָבן נאָך אַלץ נישט געוואָלט מסכים זיין צו אַזאַ סיסטעם. דער רמב״ם, למשל, אין זיין פּירוש למסכת אבות האָט שטאַרק קריטיקירט עטלעכע רבנים פֿאַר נעמען שכירות. דאַקעגן, דער גאון בעל התשב״ץ האָט געפֿונען פֿאַר נויטיק זיך פֿאַרענטפֿערן אין איינע פֿון זיינע ספֿרים. ער זאָגט, אַז שטענדיק האָט ער געהאַט געננג חיונה פֿון זיינע מאַ־יאָנטקעס און זיין מעדיצינישער פּראַקטיס ביז וואַנען ער האָט אַלץ פֿאַרלאָרן דורך די פֿאַרפֿאָלגונגען און מוז איצט אָנקומען צו שכירות. אינעם זעלבן טאָן רעדט ער אויך פֿאַר פֿיל אַנדערע רבנים־קאָלעגן. אַזוי האָט זיך געביטן דער גאַנצער מצב פֿון די רבנים לויט די אומ־שטענדן אין פֿאַרלויף פֿון אייניקע דורות, און וואָס ווייטער איז עס אַלץ ערגער געוואָרן.

די רבנות נאָך דער "שוואַרצער מגפה"

צוליב דעם אומגליק וואָס האָט געטראָפֿן די אידן אין דייטשע פּראָווינצן און אַרומיקע לענדער אין דער צייט פֿון דער שוואַרצער מגפֿה, איז אַ גאַנץ ראַדיקאַלע ענדערונג פֿאָרגעקומען אינעם צו־שטאַנד פֿון רבנות. אַלע קוואַלן פֿון פּרנסה זיינען פֿון די אידן צוגע־נומען געוואָרן, און שרעקלעכע אָרימקייט האָט אַרומגענומען די גרויסע מאַסן. דאָס איינציקע וואָס איז נאָך פֿאַרבליבן איז געווען געלט־האַנדלונג און מאַכן הלוואות. די תלמידי חכמים און סתם גע־

לערנטע, זעלבפאַרשטענדלעך, האָבן צו אַזאַ פּרנסה ניט געקענט זיך צופּאַסן. דאָס האָט, מיט דער צייט, געצוואונגען די רבנים אין יענע געגנטן אָן אויסנאַמען, צו נעמען שכירות און מיט דעם אופן זיינען זיי גלייך געוואָרן באַצאָלטע מנהיגים, אָנגעשטעלטע ביי דער קהלה.

דער טיטול "מורינו" פון אַמאָל וואָס מען האָט גערופן אַ תּלמיד חכם אַלס לערער און פּוסק איז פאַרביטן געוואָרן, מיט דער צייט, אויף "רב", דאָס האָט געמיינט אַ מאַן, וועלכער איז אויסגעקליבן געוואָרן צו שטיין אויפן שפּיץ פון דער קהלה. פריער איז ער באַ־טראַכט געוואָרן אַלס "איינער פון פאָלק" און די אַכטונג צו אים איז געקומען פונעם אינערלעכן פאָלקס־געפיל צו אַ גדול בתורה. די באַציאונג איז נאָכדעם געוואָרן ווי צו אַ דערוויילטן, וועלכער מוז שטיין העכער איבער אַלעמען. יעדער איז געווען מחויב אָנצונעמען זיינע באַשלוסן און רעגולאַציעס. שבת און יום טוב פלעגט דער עולם אים באַזוכן און באַגריסן. צו קריאת התורה האָט מען אים אויפגע־רופן מיטן נאָמען "הרב" וואָס ביז דעמאָלט איז עס געווען אַ זעלטנ־הייט.

פון דער אַנדערער זייט האָט די רבנות, אַנהייבנדיק פון יענער צייט, גענומען פאַרלירן עטוואָס פון איר אַמאָליקן הייליקן גלאַנץ. דער רב אַליין האָט זיך געפילט ווי אַן אָנגעשטעלטער, אָפּהענגיק פון חסדים פון די קהל'שע מאַכערס, וועלכע גיבן פּרנסה און חיונה צו זיין פאַמיליע. דאָס האָט אָפטמאָל געבראַכט צו קנאה, קאָנקו־רענץ און פלעגט נישט איינמאָל אַרויסרופן מחלוקת צווישן געוויסע צדדים. רבנות איז געוואָרן אַ מין קוואַל פאַר עקזיסטענץ, און דאָס אַליין איז געווען גענוג צו שאַפן אָפטמאָל, איבלען אין סאָציאַלן לעבן. פאַר אונדזער איצטיקן דור איז אַזאַ צושטאַנד זייער נאַטיר־לעך, קיינער באַטראַכט עס נישט אַלס אַ פּראָבלעם. עס קען נאָר אַנ־

דערשט ניט זיין, ווייל עס איז אַ טייל פֿון אונדזער לעבן. אָבער אין יענער צייט האָבן אונדזערע גרויסע געלערנטע עס באַטראַכט אַלס אַ קאַטאַסטראָפֿע לויט ווי מיר געפֿינען אין זייערע שאלות און תשובות צווישן זיך. זיי זיינען געווען פֿיל באַזאָרגט וועגן דעם גורל פֿון רבנות און דער צוקונפֿט פֿון אידישקייט בכלל. דער דאָזיקער מצב וואָלט זיי נאָך ניט אַזוי פֿיל באַאומרואיקט ווען די סיבות וואָלטן געקומען פֿון די אינערלעכע לעבנס־פּראָבלעמען. אין אַזאַ פֿאַל וואָלטן זיי, מיט דער צייט, אפֿשר געקענט אַריינבררענגען אויסבעסע־רונגען, אָבער דאָ איז געקומען אַ שטערונג פֿון דער אויסערלעכער וועלט, לויט ווי מיר וועלן ווייטער זען.

די רעגירונגען ווילן קאָנטראָלירן רבנות

די רעגירונגען האָבן אָנגעהייבן זיך אַריינמישן אין די אי־נערלעכע אָנגעלעגנהייטן פֿון רבנות. ביז דער דאָזיקער צייט האָבן אידישע קהלות געהאַט אַ פֿרייע האַנט אין זייערע ענינים. די רע־גירונגען פֿון דייטשע פּראָווינצן האָבן געלאָזן די אידן זיך פֿירן לויט זייערע אייגענע רעגולאַציעס און געזעצן וואָס יעדע קהלה האָט געשאַפֿן פֿאַר זיך. יעדער איד האָט געמוזט צאָלן אַ געוויסן שטייער צו זיין געמיינדע פֿאַר דער אויפֿהאַלטונג פֿון די אינסטיטוציעס. דער וועלכער האָט זיך אָנטזאָגט צו צאָלן, פֿלעגט ווערן אויסגעשלאָסן פֿון דער קהלה. דעמאָלט, ווען יעדע קהלה האָט געהאַט איר אויטאָנאָ־מיע, אָבער נישט באַזעסן קיין פּאָליציייאישע מאַכט צו צווינגען דעם וואָס האָט זיך אָנטזאָגט צו דערפֿילן זיינע פֿליכטן, איז אַמאָל דער חרם געווען דער בעסטער שטראָף־מיטל. עס איז געווען ווי אַ "בלאָ־

קאדע" אַרום אַ געוויסער פּערזאָן מיט וועלכער קיינער האָט קיין מגע ומשא נישט געוואָלט האָבן ביז וואַנען ער האָט זיך געמוזט אונטערגעבן און פאָלגן די תקנות.

אָבער אין יאָר 1407, דעם 3טן מאַי, האָט קעניג רופּרעכט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו דער נירנבערגער קהלה, אַז זי מוז אָנ־שטעלן אַ באוואוסטן ר׳ ישראל אַלס דער רב הכולל, וועלכן די רע־גירונג האָט אויסגעקליבן. אין זיין פאָדערונג האָט ער אָנגעגעבן אַז דאָס ווערט געטאָן לטובת די אידן. ער וויל אָנהאַלטן אחדות און אָרדענונג אין דער קהלה מיט דער הילף פון אַ רעגירונג פאַרשטייער. אין דער אמת׳ן האָט ער גאָר געדענקט וועגן זיך אַליין און נישט וועגן די אידן. לויט ווי ער זאָגט ווייטער, ברענגען די אָפטע מחלוקותן און חרמים וואָס קומען פאָר אין דער קהלה צופּיל שאָדן דער רעגירונגס קאַסע.

דער קעניג רופּרעכט איז גראָדע געווען אַ גוטער מענטש און ער פלעגט טאָן אידן פיל טובות, אַזוי אַז מען האָט אים גאָר נישט געקענט חושד זיין אין קיין שלעכטס. אָבער דער פאַקט אַליין, וואָס די רעגירונג האָט זיך געגומען מישן אין זייער אינערלעכן רעליגיעזן לעבן, האָבן די אידן באַטראַכט אַלס אַן אומרעכט קעגן זיי און באַ־שלאָסן נישט צו אָנערקענען דעם רב ר׳ ישראל. דער דאָזיקער אַקט מצד די אידן האָט שטאַרק אויפגערעגט די רעגירונגס קרייזן. דער קעניג האָט געוואָרנט די קהלה אַז ער וועט נעמען שטרענגע מיטלען קעגן זיי אויב זיי וועלן זיך נישט אונטערגעבן צום רב וועלכן ער האָט פאַר זיי אויסגעקליבן.

אַן ענלעכער פאַל איז פאָרגעקומען מיט יאָרן שפּעטער. אין יאָר 1435, אין קייזער זיגמונד׳ס צייטן איז אַ איד אנזעלם פון קו־לוניה (קעלן), באַשטימט געוואָרן פון דער רעגירונג אַלס הויפּט ראַ־

בינער איבער 25 קהלות. ביידע אויבנדערמאָנטע פאַקטן געפינט מען נישט פאַרצייכנט אין קיין היסטאָריע ביכער, אָבער זיי זיינען אָנגעדייט אין די אָפיציעלע רעגירונגס אַרכיוון לויט דער אַנטדעקונג פונעם פאַרשטאָרבענעם רב הכולל פון ווין, דר. מ. גידעמאַנן, מיט איבער פופציק יאָר צוריק. פון זיי איז צו באַמערקן אַז די רעגירונגס רבנים האָבן פיל געשטערט דעם נאַטירלעכן גאַנג פון דעם קהלה לעבן, אַרויסגערופן מחלוקות און אַמאָל אויך אַ חרם. צום גליק נאָך, דעמאָלט, לויט די אויבנדערמאָנטע אַרכיוון, האָבן אין פאַרלויף פון דער צייט, די צוויי רעגירונגס רבנים אַליין זיך אָנטזאָגט צו פונקציאָנירן, ניט אַכטנדיק וואָס די רעגירונג האָט פון זיי געפאָדערט צו בלייבן אויף זייערע פאָסטנס.

הר״ר מאיר הלוי פון ווין האָט ווידער איינגעפירט דעם מנהג אַז אַ למדן קען נישט ווערן אַ רב סיידן ער קריגט דעם טיטול ״מורינו״ פון דעמאָלטיקע באוואוסטע גדולים. דאָס האָט פיל געהאָלפן אַז מחלוקת, קנאה און שנאה זאָלן זיך מער נישט פאַרשפּרייטן צווישן קהלות ווען מ׳דאַרף באַשליסן ווער עס איז ראוי פאַר אַ רב. אָט די דאָזיקע תקנה האָט געהאַט איר ווירקונג אויך אין די שפּעטערדיקע צייטן, נישט יעדער וואָס דענקט אַז ער איז אַ למדן, קען זיך קרוינען מיטן נאָמען רב און וועלן הערשן איבער דער קהלה. דאָס לעבן האָט זיך געביטן לויט דער צייט און אומשטענדן.

דאָס לעבן פון די רבנים

די רבנים אין יענעם פעריאָד האָבן דעם גרעסטן טייל פון טאָג און אָפט ביז שפּעט אין דער נאַכט, פאַרבראַכט אין לערנען און צוגרייטן זייער אַרבעט פאַר די שיעורים אין דער ישיבה. האָבנדיק

די פליכט צו לערנען מיט אַנדערע, האָט זיי די צייט נישט דערלויבט צו גיין אין שול גלייך מיטן אַלגעמיינעם עולם. אין ספּעציעלע פלע־צער, אַרום שול, פלעגן זיי דאַווענען מיט זייערע ישיבה־בחורים. פאַר זיי זיינען געווען צופיל די לאַנגע ניגונים וואָס דער עולם פלעגט פאָדערן פון די חזנים, וועלכע האָבן אַליין געזוכט אַ געלעגנהייט וואָס בעסער אויסנעמען ביי די דאַוונער. די רבנים אָבער האָבן געדענקט אַז מיט דעם גזל'ט מען די צייט פון לערנען, און תורה שטייט העכער ווי תפילה. נאָר אין געוויסע שבתים און יום טובים פלעגן רבנים קומען אין שול דאַווענען גלייך מיטן עולם. דרשות וואָס זיינען אין אונדזער מאָדערנער צייט דער באַזיס פון רבנות, האָבן דעמאָלט די רבנים לחלוטין נישט אָנערקענט. אַ טייל פון זיי פלעגן האַלטן דרשות אום שבת הגדול וועגן הלכות פסח, און שבת תשובה אַביסל מוסר זאָגן. *)

אַ חוץ אַכטונג געבן אַז דער עולם זאָל אָפּהיטן מצוות התורה, האָבן די רבנים אויך געהאַט די אויפגאַבע צו שטאַרקן זייער מאָראַל. עס איז כדאי צו באַמערקן אַז די רבנים אין יענע צייטן זיינען גאָר קיין גרויסע מחמירים נישט געווען. מינהגים וואָס קענען זיך ניט שטיצן אויף די עיקרי הדת, האָבן זיי שטענדיק געמאַכט גרינגער פאַרן עולם אָדער גאָר מבטל געמאַכט ווי תשליך, א. ד. גלייכן. זיי האָבן גענומען אַ גרויסן אַנטייל אין צדקה אונטערנעמונגען און אַכ־טונג געגעבן אַז זיי זאָלן זיך פירן כשורה. אויך זיינען זיי געווען אָפטע פאַרמיטלער אין פאַמיליע אַנגעלעגנהייטן: מאַכן שלום צווישן מאַן און ווייב. און אויב דאָס האָט זיי נישט געלונגען, פלעגן זיי אָפּ־לייגן דעם פּראָצעס פון שרייבן אַ גט אויף אַ לאַנגער צייט, אָדער

---

*) א מנהג וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביז נישט לאַנג צוריק אין איינ־קע געגנטן פון מזרח איירָאפּע.

פֿאַדערן אַ גרויסע סומע געלט אויף צדקה, אפשר וועלן זיך מאַן און ווייב, מיט דער צייט, גאָר איבערבעטן. שטרענג זיינען זיי אָבער געווען צו דעם צד וועלכער איז אַראָפּ פֿון גלייכן וועג. אויך האָבן זיי זיך אינטערעסירט מיטן עקאָנאָמישן לעבן פֿון די מאַסן, למשל, בנוגע די באַציאונגען צווישן סוחרים, אַז שווינדל זאָל נישט פֿאָר־קומען אין זייערע געשעפֿטן; מען זאָל אָפּהיטן א תנאי אָדער אַ צו־זאָג אַפֿילו אין פֿאַל קיינער האָט זיך נישט אויף דעם גע'חתמ'עט. אויב איינער האָט חרטה געהאַט אויף זיין צוזאָג אָדער געוואָלט ענ־דערן זיין וואָרט און תנאי, האָט דער רב אים געשיקט אַן התראה. און ווען ער האָט זיך אַנטזאָגט צו פֿאָלגן, פֿלעגט דער רב אָנזאָגן דעם ש"ץ (חזן) אַז נאָכן דאַוונען זאָל ער אויסרופֿן די ווייטערדיקע מודעה: "דער — — — און דער — — — האָט פֿאַרשוועכט זיין וואָרט, דעריבער איז מען מכריז ומודיע אַז ער האָט געהאַנדלט קעגן רוח התורה און ער איז געשטעמפּלט אַלס כזבן ושקרן". היינט וואָלט מען עס אפשר גערופֿן "דיקטאַטור".

אַזוי זיינען די רבנים דעמאָלט געווען די ריכטיקע פֿירער און שופֿטים. און זייערע אורטיילן לויטן חשן ומשפט בנוגע מסחר זיי־נען געווען אַ געזעץ. צו די גרעסערע גאונים פֿלעגט מען זיך ווענדן פֿון ווייטע מקומות וועגן קהל'שע, רעליגיעזע און מסחר אַנגעלעגנ־הייטן און זייערע פּסקים האָט מען געגנוי דורכגעפֿירט.

קאַפּיטל דריי

ישיבות, ישיבה בחורים און זייער לעבן

אַן אַלגעמיין בילד

איידער מיר וועלן באַשרייבן די פירונג פון די ישיבות און דעם אינערלעכן לעבן פון די תלמידים מיט זייער סדר הלימודים, איז כדאי צו געבן אַ קורץ בילד פונעם אַלגעמיינעם קריסטלעכן יוגנט־צושטאַנד אין יענער צייט. הגם דער אידישער סאָציאַלער לעבן איז געווען אָפּגעזונדערט פון די שכנים, האָבן די לעצטע פאָרט געהאַט אַ געוויסן איינפלוס אויף די אידישע יונגע לייט.

זייער וויניק עלעמענטאַרע שולן האָבן זיך דעמאָלט געפונען אין די דייטשע קלענערע שטעט. אַפילו אַ פּלאַץ וואו צו לערנען זיך פשוט לייענען און שרייבן, איז געווען אַ זעלטנהייט. פון העכערע

שולן איז גאָר אָפּגערעדט, אַזעלכע האָבן זיך געפֿונען נאָר אין די גרויסע שטעט, אָדער נאָענט צו מאָנאַסטירן. מען האָט זיי גערופֿן "לאַטייניישע שולעס", ווייל דעמאָלט זיינען לער־ביכער און וויסנ־שאַפֿטלעכע אָפּהאַנדלונגען געשריבן געוואָרן נאָר אין לאַטיין. יונגע לייט, וועלכע האָבן געדורשט נאָך בילדונג און גערן זיך לערנען, זיינען געווען געצוואונגען צו וואַנדערן אין ווייטע מקומות.

מאָדערנע וועגן ווי מיר האָבן היינט, טראַנספּאָרטאַציע אין אַלגעמיין זיינען איבגאַנצן נישט געווען. די וועלכע האָבן זיך אַרויס־געלאָזט צו פֿוס אין מרחקים, זיינען אויסגעשטאַנען כלערליי צרות און שוועריקייטן, אַמאָל אויך הונגער און נויט. ניט האָבנדיק קיין פּלאַץ וואו איבערצונעכטיקן, פֿלעגט מען שלאָפֿן אונטערן אָפֿענעם הימל אויף די פֿעלדער. אויב איינעם איז שוין געלונגען צו קריגן אַ ווינקל ביי אַ פּויער, איז דאָס געווען אין שטאַל, פֿול מיט שרצים און ווערים. די הונגער־נויט, דורך דער צייט פֿון וואַנדערן און בראָדזשען איבער די וועגן, האָט אָפֿטמאָל געבראָכן זייער מאָראַל. ביי פֿיל פֿון זיי האָט זיך אַנטוויקלט אַ געוואוינהייט פֿון גנב'ענען עסנוואַרג ווי: פּרוכט, גרינסן און עופֿות פֿאַרבייגייענדיק אַ דאָרף. דער דאָזיקער טיפּ "תלמידים־וואַנדערער" האָט געהאַט אַ געוויסע ווירקונג אויף דער יוגנט בכלל. ביי פֿיל פֿון דער יונגוואַרג האָט זיך גלאַט דערוועקט א חשק צו וואַנדערן אָן שום ציל פֿון שטודירן. אַזאַ צושטאַנד האָט מיט דער צייט, זייענדיק ווייט פֿון עלטערנס השגחה, געבראַכט שלעכטע רעזולטאַטן צום יונגן דור אין יענעם פעריאָד.

אויך ביי אידן האָט זיך אָפּגערופֿן די וואַנדער־לוסט צווישן יונגע לייט. מען פֿלעגט זיך רייסן צו פֿאַרלאָזן די היים און וואַנדערן פֿון ישיבה צו ישיבה. אין דער אמת'ן איז דער ענין פֿון זוכן אַ ישיבה, וואו מען זאָל קענען זיך אָפּגעבן די גאַנצע צייט צו לערנען תורה, גאָר קיין נייס ניט געווען ביי אידן. נאָך אין דער תלמודישער

צייט ווערט דערמאָנט (מסכתא עירובין) דער מנהג: "ילכו מחיל אל חיל" דאָס הייסט, די באַוועגונג צו גיין פון ישיבת בבל און פּרו־בירן די ישיבה אין ארץ ישראל, אָדער פאַרקערט. אָבער גלאַט אַזוי וואַנדערן פון שטאָט צו שטאָט, אונטער דער פּרעטענזיע פון לערנען, אין דעם האָבן אידישע יונגע לייט פיל נאָכגעטאָן זייערע שכנים. אַפילו אַזעלכע גדולים, ווי מה"ריל, מה"ריל ווייל און מהר"י איסרלין פלעגן אָפט בייטן זייערע רבנות־פלעצער און מיט דעם נאָטירלעך זייערע ישיבות.

די וואַנדער־לוסט האָט געבראַכט צו די ישיבה־בחורים פיל מער שווועריקייטן און ליידן ווי די גויאישע. די ערשטע, ווען אימי־צער אין דאָרף האָט שוין זיי געגעבן עפּעס צו עסן, האָבן געמוזט זיך באַנוגענען נאָר מיט טרוקענעם ברויט, אַ ציבעלע און אַמאָל מיט פּרוכט וואָס וואַקסט ווילד אין פעלד. זיי וואָלטן דאָך נישט עסן, חלילה, טרפות אָדער גנב'ענען אַן עוף און קוילענען ווי די קריסטלעכע חברה־לייט פלעגן עס טאָן.

אין איין פּרט האָט מען זיי טאַקע חושד געווען—"גנב'ענען גייסטיקע עניינים", לויט ווייטערדיקער דערקלערונג.

דרוקעריי, וואָס איז דערפונדן געוואָרן פון גוטענבערג אין מיטן פופצנטן יאָרהונדערט, איז נאָך ניט געווען אַנטוויקלט ווי גע־העריק און ס'האָט גענומען אַ היפּשע צייט ביז וואַנען עס האָט דערגרייכט צו דער מדרגה פון אַן אינדוסטריע. דרוקן ביכער, ובפרט אידישע ספרים, איז געווען אַ גרויסע זעלטנהייט. דורך דעם גאַנצן פּעריאָד וועלכן מיר באַהאַנדלען, האָט מען געלערנט פון געשריבענע ספרים אָדער כתבים וואָס די גרויסע געלערנטע האָבן צוגעגרייט פאַר זייערע תלמידים. דער ראש הישיבה פלעגט פאָרלייענען דעם שיעור פון זיינע געשריבענע פירושים וואָס ער האָט געמאַכט אויף אַ פּרק משניות אָדער אַ בלאַט גמרא; און אַמאָל פלעגט ער אויך אי־

בערגעבן פון שריפטן וועלכע זיינען געקומען צו אים פון אנדערע רבנים. די מסכתות גמרא אליין פון וועלכע די שיעורים זיינען געזאגט געווארן, זיינען געווען געשריבענע. די תלמידים פון זייער זייט פלעגן אלעס פארצייכענען פאר זיך, סיי דעם טעקסט פון דער גמרא און אויך די פירושים מיט פלפולים וואס דער ראש הישיבה האט געהאלטן פאר זיי. עס איז אויסגעקומען אז יעדער תלמיד האט געמוזט זיך ארומטראגן מיט גאנצע פעקלעך פאפיר. פיל האבן פארבראכט נעכט אין איבערשרייבן טראקטאטן פון תלמוד, כדי עס זאל זיין לייכטער נאכדעם צו פארשטיין דעם שיעור. דערצו־נאך זיינען געשריבענע ספרים געווען זייער קאסטבאר, און עס האט זיך שטענדיק געפילט א גרויסער מאנגל אין זיי. ביי די רבנים און ראשי הישיבות האבן אפט געפעלט גאנצע מסכתות, און זיי זיינען געצוואונגען געווען צו בארגן די ספרים איינער ביים צווייטן און זיי איבערשרייבן פאר זיך.

פארשטייט זיך אז אזא ארבעט איז געווען פארבונדן מיט פיל מי און הוצאות, און נישט יעדער האט זיך געקענט דערלויבן אזא לוקסוס. די תלמידים וועלכע האבן פרצייכנט די אלע שיעורים, פלעגן נאכדעם צענויפקלייבן און סארטירן זייערע פאפירן אין א זאמלבוך אונטערן נאמען "קבוץ" אדער "ליקוטים". שפעטער, ווען דרוקעריי האט זיך אנטוויקלט און מער פאפולער געווארן, האט מען א געוויסן טייל פון די ליקוטים געדרוקט און זיי געפינען זיך איצט נאר אין אייניקע גרויסע אייראפעאישע ביבליאטעקן.

און דא קומען מיר צום פונקט פון "גניבה" ביי די ישיבה בחורים וואס עס איז פריער דערמאנט געווארן. די תלמידים, מאכנדיק באטיצן אדער פארצייכנדיק געוויסע דערקלערונגען און פלפולים בשעת די שיעורים זיינען, מעגלעך, געווען אזעלכע נישט איבעריק פארזיכטיק. אפשר האבן עס אנדערע געטאן בכוונה, נישט אנגעבנ־

דיק אין זאַמלבוך די פּערזאָן פֿון וועמען זיי האָבן געהערט, און אַזוי איז עס אויסגעקומען ווי זייער אַן אייגענער געדאַנק. מען קען נאָך עד היום געפֿינען אין אַלטע ספרים אָדער כתב־יד'ן ווי דער "לקט יושר" וואָס באַמערקן אַז דער אָדער יענער געדאַנק אין אַ געוויסן ספר איז גאָר גע'גנב'עט פון אַ צווייטן. דאָס איז דאָס איינ־ציקע פאַרברעכן וועלכן מען האָט באַשולדיקט די ישיבה לייט, אין פאַרגלייך צו די גנבות אין די דערפּער ביי די קריסטלעכע יונגע־לייט אויף זייערע וואַנדערונגען.

דער סדר הלימודים אין די ישיבות

די ישיבות (אָדער "אַקאַדעמיעס" און "יודנשולן", אין דייטש) האָבן זיך געפֿונען אין די גרעסערע שטעט, אין ספּעציעלע הייזער. דאָרט האָט מען קיינמאָל ניט געדאַוונט, נאָר בלויז געלערנט. ווען מען זאָגט לערנען, קען זיך דאָס באַציען אויך צום רב, דעם ראש הישיבה. באַם שיעור פלעגן פאָרקומען פיל דיסקוסיעס צווישן אים און זיינע תלמידים, אַזוי אַרום האָט דער רבי פיל גענאָסן פֿון זיינע צוהערער. דורכן אויסטייטשן און פשטל'ען זיך וועגן געוויסע מאמרים און שטעלן אין דער גמרא, זיינען געשאַפֿן געוואָרן דינים והלכות פאַרן פאָלק, וואָס זיינען נאָכדעם איבערגעגעבן געוואָרן פֿון דור צו דור.

עס איז אינטערעסאַנט אָנצעווייזן ווי אַזוי דער רב פלעגט האַלטן זיין שיעור פאַר די תלמידים אין יענער צייט אין פאַרגלייך מיט אונדזער אופן פון לערנען. אין היינטיקע ישיבות ווערט די תלמודישע ליטעראַטור שטודירט אויף אַ גאָר סטאַביליזירטן אופן און לויט קאָנקרעטנע פרינציפּן. אַלע ספרים זיינען געדרוקט פאַר־

טיק פֿאַר אונדזער אויג. אויב עס קומט פֿאַר אַ פּראָבלעם אָדער אַ פֿראַגע, איז געגוג נאָכקוקן אין דעם אָדער יענעם ספֿר כּדי אַרויס־צעברענגען דעם ריכטיקן פּסק.

די עפּאָכע וועלכע מיר באַהאַנדלען דאָ איז געווען אין אַ געוויסן זינען אַ שאַפֿנדע און כּמעט די לעצטע נאָך חתימת התלמוד. דער שיעור גמרא וואָס דער ראש הישיבה האָט געהאַלטן פֿאַר זיינע תּלמידים איז באַשטאַנען פֿון צוויי טיילן: ״פּירוש און תּוספֿות״. דער ערשטער טייל איז געווען געווידמעט צו פֿאַרשטיין פּשוט און איינ־פֿאַך די באַדייטונג פֿון אַ געוויסער סוגיא (פֿאַרהאַנדלונג) אויף דעם אופֿן ווי פּירוש רש״י. דער צווייטער — דער וועג פֿון תּוספֿות, דורך פּלפּול, דורך פֿאַרענטפֿערן פֿראַגן און אויסגלייכן ווידערשפּרעכנדיקע מאמרים. מיט אַנדערע ווערטער, מיט דער הילף פֿון פּלפּול געפֿינען אַ וועג ווי צו קריגן אַ ריכטיקע פֿאַרשטענדעניש אין פֿאַרשיידענע זאַצן אין תּלמוד וועלכע שיינען צו זיין איבערפֿלעכלעך, ווי אַ סתירה צווישן זיך. דערצו האָט דער ראש הישיבה אָפֿט אַליין צוגעגעבן זיינע מיינונגען און באַשלוסן לויט זיין וויסן און אייגענעם פֿאַר־שטאַנד. די תּלמידים פֿון זייער זייט האָבן שטענדיק מיטגעהאָלפֿן אין דעם פּרט מיט זייערע שאלות און קשיות. אַזוי האָט זיך אַנט־וויקלט אַ געוויסע תּלמודישע ליטעראַטור וואָס האָט נאָכגעפֿאָלגט דער תּלמודישער מעטאָדע פֿון לערנען.

דער ביישטייער פֿון די תּלמידים

עס איז אינטערעסאַנט ווי אין דער דייטשער ליטעראַטור ווערן די קריסטלעכע ״וואַנדער־שילער״ דערמאָנט מיט אומפּאַסיקע נעמען און אָפֿט מיט שפּאָט. אַפֿילו געטע, אין זיין דראַמע ״פֿאַוסט״,

מאַכט ליצנות אויף זייער חשבון. פאַרקערט, אָבער, איז געווען דער גורל פון די וואַנדערנדע ישיבה־בחורים. זיי האָבן אויסגעפּילט אַ גרויסע אויפגאַבע אין דער אַנטוויקלונג פון אידישע לימודים. ווי פריער דערמאָנט, פלעגן זיי פאַרצייכענען אַלע אויסטייטשונגען און דערקלערונגען וואָס זיי האָבן געהערט פון די ראשי הישיבות און נאָכדעם צענויפשטעלן אין אַ בוך־פאָרם דעם גאַנצן מאַטעריאַל. אויף אַזאַ אופן, דורך זייער קאָאָפּעראַציע און וואַנדערונג פון ישיבה צו ישיבה, זיינען זיי געווען אַ פאַקטאָר אין פאַרשפּרייטן געדאַנקען און מיינונגען פון פאַרשיידענע רבנים אין פיל שטעט וואו זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט. אין פאַל ווען אַ ראש הישיבה האָט זיך נישט צופרידנ־געשטעלט מיט דעם וואָס האָט דערגרייכט צו אים פון אַ צווייטן דורך די בחורים, פלעגט ער זיך אָנפרעגן שריפטלעך ביי יענעם רב. מיט דער צייט איז איינגעפירט געוואָרן צווישן די רבנים צו פירן דיס־קוסיעס שריפטלעך וועגן וויכטיקע אידישע פּראָבלעמען. אַזוי איז די באַוואוסטע אינסטיטוציע פון "שאלות ותשובות" אין דער רבני־שער וועלט פיל פאַרשטאַרקט געוואָרן און איז איצט דער מיטל־פּונקט פאַר אַלע לערנער פון תורה און תלמוד.

דאָס לערנען און למדנות

אין יענעם פּעריאָד זיינען פּלפּול און חריפות (זיך פּשעטל'ען און שאַרפן דעם מוח) געשטאַנען אויף דער העכסטער שטופע פון לערנען. צו זיין נאָר אַ "בקיא"—אַ גרינגלעכער למדן—אין תלמוד, איז נישט געווען גענוג צו ווערן אַ באַרימטער רב אויב עס האָט אים געפעלט די פעאיקייט פון חריפות. מען האָט געשעצט הויך און זיך

גערעכנט נאָר מיט דער פּערזאָן, וועלכע האָט זיך געקענט רופן "א חריף", ד.ה. דער וואָס האָט געקענט צענויפשטעלן אַ פשעטל, אַ געדאַנק וואָס זאָל געבן אַן ענטפער צו געוויסע פאַרפלאָנטערטע מאמרים און זאַצן.

מען קען, אַזוי ווייט צוריק ווי אין תלמוד (הוריות דף י"ד), געפינען אַ דיסקוסיע וועגן: ווער עס שטייט העכער אַ "חריף" אָדער א "בקי"? און די מיינונגען דאָרטן זיינען צעטיילט. דער דראַנג נאָך "פּלפּול" שטאַמט פון פראַנקרייך און פון דאָרטן האָט ער זיך פאַר־שפּרייט צווישן תלמודיסטן איבער אַנדערע לענדער. אין פראַנק־רייך זיינען געווען די "בעלי התוספות", גרויסע געלערנטע מיט שאַרפע מוחות, וועלכע האָבן פאַרטייטשט דעם תלמוד אין זייערע ישיבות דורך דעם וועג פון פּלפּול. זייער שאַפונג איז די באַוואוסטע ווערק: "תוספות", וואָס איז איצט אַ נויטווענדיקייט פאַר אַ גרינט־לעכער ידיעה אין תלמוד. קיין לערנער קען נישט אויסקומען אויב ער שטודירט ניט געגנוי דעם תוספות. אין די דייטשע פּראָווינצן זיינען פיל רבנים דעמאָלט געווען קעגן אַזאַ שיטה פון לערנען תל־מוד. זיי האָבן געזען אין דעם אַ געפאַר, אַז ביי פאַרברענגען די צייט אין פּלפּול, וועט מען פאַרנאַכלעסיקן דעם תלמוד גופא און זיך באַ־נוגענען נאָר מיט פשעטלעך. אָבער די פּראָטעסטן האָבן ווייניק גע־האָלפן. פּלפּול צוגלייך מיט תוספות, דרשות, שאלות ותשובות צווישן די תלמידים און זייערע רבנים, האָבן זיך פאַרשפּרייט אי־בעראַל און געשפּילט די הויפּט־ראָלע אין די ישיבות. מעגלעך אַז די דאָזיקע דערשיינונג איז דער סוד וואָס אידישע לימודים זיינען נישט פאַרגליווערט געוואָרן און איינגעשרומפּען דורכן שטומען גע־שריבענעם וואָרט. פּלפּול איז דער אויסדרוק פון מיינונגען — אויס־טייטשונגען, לויטן תלמודישן לאָזונג: "מחדש חידושים". דאָס מיינט, אַנטוויקלונג וואָס גיט דעם לערנען שטענדיק קלאָר און פרישקייט.

די באַציאונג צו אַנדערע לימודים אַ חוץ תלמוד

אין די ישיבות איז דער תלמוד געווען דער הויפּט־לימוד. זייער ווייניק האָט מען זיך אָפּגעגעבן מיט תנ"ך אָדער לשון הקודש און דקדוק אַלס אַ טייל פונעם סדר הלימודים. אָבער מען האָט נישט געשטערט די בחורים אויך זיך אַליין צו לערנען אין דער ישיבה, די דייטשע שפּראַך און אַנדערע וויסנשאַפטן, ד.ה. אַזעלכע ענינים וועלכע מ'טרעפט אָפט אין פיל פלעצער פון תלמוד. אָבער לימודים ווי: מלוכה געזעצן, מוזיק, מעדיצין, מאַטעמאַטיק, פילאָזאָפיע, אדג. האָבן זיי זיך געלערנט אויסער די ישיבה־ווענט. אַלטע ספרים און מאַנוסקריפּטן וואָס געפינען זיך אין ביבליאָטעקן, באַשטעטיקן דעם פאַקט אַז ישיבה בחורים זיינען געווען באַשעפטיקט מיטן שטודירן וועלט־געשיכטע, נאַטור־וויסנשאַפט און ענלעכע לימודים.

עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז פאַר עטלעכע יאָר־הונדערט נאָך דעם דאָזיקן פּעריאָד, ביז גאָר ניט לאַנג צוריק, זיינען אַזעלכע לימודים געווען זייער שטרענג פאַרבאָטן צו ישיבה בחורים בכלל. פיל מעשיות און לעגענדעס ווערן נאָך היינט דער־ציילט וועגן די רדיפות וואָס זיי האָבן געמוזט אויסשטיין ווען מען האָט זיי געכאַפּט מיט אַ טריף־פּסול־ספר, אויב דער אינהאַלט איז נישט געווען תורה אָדער מוסר. מ'פלעגט אַנשטעלן ספּעציעלע משגיחים, וועלכע האָבן נאָכגעשפּירט די תלמידים ביז זייערע קוואַרטירן כדי אויסצוגעפינען וועלכע ביכער אָדער ספרים זיי

לייענען, צו באַשרייבן דאָס געני וואָלט פאַרנומען צופיל פּלאַץ. מיר ווילן נאָר אָנמערקן אַז די גאונים און די אמת'ע שאַפער פון דער תלמודישער ליטעראַטור אין מיטלאַלטער, זיינען געווען פיל מער טאָלעראַנט בנוגע וועלטלעכער וויסנשאַפט און לימודים ווי די פון דער נאָר וואָס פאַרגאַנגענער צייט.

דעמאָלט האָבן אַלע, אַריינגערעכנט די ישיבה־בחורים, זיך געלערנט דייטש אַלס אומגאַנג־שפּראַך. די רבנים זיינען נאָר געווען קעגן די וועלכע פלעגן שרייבן רעליגיעזע ענינים, דיכטונג און ענ־לעכע אָפּהאַנדלונגען אויף דייטש אין פאַרצוג צו העברעאיש. די אורזאַך וואָס זיי האָבן אָנגעגעבן פאַר זייער אומצופרידנהייט מיט דייטש דעמאָלט, איז געווען באַגרינדעט אויף וויטערדיקן געדאַנק: באַנוצנדיק דייטש אַנשטאָט לשון הקודש (ווי מען פלעגט עס רופן) אין אידישע לימודים אָדער רעליגיעזע אָנגעלעגנהייטן, גייט מען אַוועק פון די אָריגינעלע קוואַלן, ווייל יהדות האָט זיך שטענדיק אויסגעדריקט אין אונדזער אייגענער שפּראַך; און אַנדערש וואָלט פאַרשטאַרקט "עם־הארצות" צווישן די מאַסן וועלכע וועלן זיך מיט דער צייט אָפּווענדן פונעם עיקר.

די ראשי הישיבות און די תלמידים

די באַציאונגען צווישן די ראשי הישיבות און זייערע בחורים, איז געווען דורכגעזאַפּט מיט גרויס דרך ארץ און כבוד. אַ תלמיד פלעגט זיך ווענדן צו זיין רבי מיטן נאָמען: "מיין מיישטער", אַפילו נאָכדעם ווי ער אַליין האָט שוין זוכה געווען צו זיין אַ רב און צו פירן זיין אייגענע ישיבה. מיט דער צייט איז דער דייטשער אויסדרוק

„מײַשטער" פֿאַרביטן געוואָרן אויף „רבֿ". דער רבֿ האָט זיך געפֿירט ווי אַ פּרינץ אין דער ישיבה, אָבער פֿון דער אַנדערער זײַט איז ער געווען ווי אַ פֿאָטער צו קינדער. ער האָט זיי ליב געהאַט און שטענ־דיק געזאָרגט פֿאַר זייער גליק און גוטן. אויך אַכטונג געגעבן זיי זאָלן זיך פֿירן אַנשטענדיק און לעבן בשלום צווישן זיך. אָפֿטמאָל פֿרײַטיק אָוונט אָדער יום טוב, פֿלעגט ער זיי פֿאַרבעטן צו זיך אַהיים און אַמאָל צו אַ סעודה׳לע צוזאַמען מיט אָנגעזעענע בעלי בתים פֿון שטאָט.

די ישיבה בחורים האָבן געוואוינט אַלע צוזאַמען אין אַ גרוי־סער הויז פֿון פֿיל צימערן, וואו זיי האָבן געגעסן און אויך געשלאָפֿן. די אָרימע תּלמידים פֿלעגן אויסגעהאַלטן ווערן פֿון די רייכע אין שטאָט און אויך פֿון נדבֿות צוגעשיקט פֿון ווײַטע געגנטן. ווײַזט אויס, אַז דעמאָלט איז נאָך נישט געווען די מאָדע פֿאַר ישיבה בחורים צו „עסן טעג" ווי אין די לעצטע יאָרן לויט ווי מיר געדיינקען נאָך. תּורה לערנער האָט מען געשעצט זייער הויך, אויפֿגעהאַלטן און באַ־זאָרגט מיטן גרעסטן כּבֿוד. אויך דער טיפּ „משולחים" האָט נאָך דע־מאָלט נישט עקזיסטירט אַלס אַ פּראָפֿעסיע וואָס דערנידערט דעם כּבֿוד התּורה. רייכע אידן און סתּם בעלי בתּים האָבן אויף זיך גע־נומען און געטראָגן די לאַסט פֿון שטיצן די אָרימע בחורים.

די דײַטשע שפּראַך און די אידן

עס איז באַשטעטיקט אַז די אידן אין די דײַטשע פּראָווינצן האָבן זיך געלערנט דײַטש, שרײַבן און לייענען, פֿיל מער ווי די דײַטשן. דער סכסוך וואָס איז אַרויסגערופֿן געוואָרן פֿון די רבנים וועגן דײַטש און לשון הקודש (ווי דערמאָנט פֿריער), איז, ווײַזט

אויס, געווען דער רעזולטאַט פֿונעם גייסטיקן צושטאַנד דעמאָלט ביי דער אַלגעמיינער באַפֿעלקערונג.

לויט היסטאָרישע דאָקומענטן האָט די דייטשע שפּראַך ביז לוטער'ס צייט, נישט געשפּילט קיין גרויסע ראָלע צווישן דעם גע־בילדעטן און אינטעליגענטן קלאַס דייטשן. ווויסנשאַפֿט און בילדונג האָט מען געשעפּט פֿון קוואַלן אויף לאַטיין, די שפּראַך וועלכע די קריסטן האָבן הויך געשעצט פּונקט ווי אידן לשון הקודש. זיי זיי־נען געגאַנגען אַזוי ווייט אַז פֿון די שילער, קליין און גרויס, אין פֿאַרשיידענע בילדונגס אינסטיטוציעס האָט מען געפֿאָדערט זיי זאָלן פֿירן זייערע געשפּרעכן נאָר אין לאַטיין. אין יאָר 1435, איז אַ באַפֿעל אַרויסגעגעבן געוואָרן אין דעם בריזנויא פּראָווינץ, אַז אַ קינד וואָס איז שוין אַכט יאָר אַלט, מוז פֿון זיין פֿאָטער געשיקט ווערן אין אַ "אמת'ע שולע" וואו לאַטיין איז די אויסשליסלעכע שפּראַך. אַפֿילו מיט הונדערט יאָר שפּעטער (1529), אין אַנאַנדער שטאָט *) האָט יאָן מוזלער, דער פֿאַרוואַלטער פֿון דערציאונג דאָרטן, געלאָזט וויסן אַזאַ רעגולאַציע: יונגע לייט וואָס ווילן שטודירן און דערגרייכן אַ תכלית אין דער צוקונפֿט, טאָרן נישט פֿריער באַזוכן אַזעלכע שולן וואו מען לערנט שרייבן און לייענען אין דייטש, ווייל דאָס וועט פֿאַרדאַרבן שפּעטער דעם געשמאַק פֿאַר לאַטיין. די דייטשע שפּראַך, זאָגט ער, איז באַשאַפֿן נאָר פֿאַר דעם פּראָסטן און אומוויסנדן מענטשן. מען געפֿינט אויך אַ געזעץ אין ווין פֿון יאָר 1446, אַז אין יעדער "שולע" מוז זיין אַ ספּעציעלער משגיח וואָס זאָל אַכטונג געבן אַז די תלמידים זאָלן נישט ריידן ח"ו דייטש—נאָר לאַטיין. מיט אַזאַ פֿאַראַכטונג האָט מען זיך באַצויגן צו זייער אייגענער מוטער־שפּראַך. דאָס קלינגט אפשר ווי אַ גוזמא אָדער אַ לעגענדע, אָבער דאָס

---

*) אינעם זעלביקן פּראָווינץ.

זיינען פאַקטן, פון היסטאָרישע שריפטן, קעגן דעם גלייכן שכל און מענטשלעכן פאַרשטאַנד. פיליכט קענען פסיכאָלאָגן מער, ווי מיר, פאַרשטיין די דייטשע ראַסע מיט אירע אָפטע ווילדע טאַטן.

באַטירלעך האָט אַזאַ באַציאונג צו דער דייטשער שפראַך גע־מוזט ווירקן אין געוויסע הינזיכטן אויך אויף אידן. אָבער די לעצטע, צו זייער שבח, זיינען נישט געגאַנגען בלינד נאָך זייערע שכנים ווי בנוגע לאַטיין. די שפראַך פון דער תורה און נביאים איז געבליבן טאַקי די שפראַך פון געלערנטע און תלמידי חכמים.

שפּעטער, אין לוטער׳ס צייטן, באַמערקן מיר גאָר אַנאַנדערע דערשיינונג בנוגע דייטש און עברית. לוטער, אין זיין קריסטלעכער רעפאָרמאַציע באַוועגונג, איז אַממערסטן געגאַנגען צו די פאָלקס־מאַסן. דעמאָלט איז דרוקעריי געוועזן שוין מער אַנטוויקלט און מען האָט אָנגעהייבן צו דרוקן די ביבל אין אַ דייטשער איבערזעצונג. און ווען דער געדרוקטער תנ״ך איז געוואָרן מער בנמצא און פאַר־שפרייט צווישן די מאַסן, האָט עס פיל געהאָלפן צו דער אַנטוויקלונג פון עברית צווישן די אידן. שטודירנדיק דעם תנ״ך אין דער דיי־טשער איבערזעצונג האָט אויך אין דער זעלביקער צייט געווירקט צו קריגן אַ בעסערע קענטשאַפט אין דער לעצטער שפראַך. דערצו נאָך האָט דייטש אָנגעהייבן צו שפילן אַ ראָלע אין דער רבנישער וועלט בנוגע דינים פון שרייבן אַ גט. ווי באַוואוסט מוז מען לויטן אידישן דין זיין, ביים שרייבן אַ גט, זייער פּאָזיטיק און וויסן גענוי דעם אויסלייג פון נעמען: פונעם פאַר־פאָלק, געגנט, פּראָווינץ, שטאָט וואו זיי וואוינען, און אויך דער טייך ביי וועלכן די וואוינשטאָט ליגט.

ביי די אידן, וועלכע זיינען דעמאָלט אַממערסטן געוועזן פאַר־מיטלער און סוחרים, האָט דייטש ממילא געמוזט זיין די פאַרבינדונגס שפראַך מיט די ברייטע שיכטן פון דער באַפעלקערונג. צוליב דעם

האָבן זיי געקראָגן אַ בעסערע ידיעה אין דער דייטשער שפּראַך ווי זייערע קריסטלעכע שכנים. איינער פֿון די באוואוסטע דייטשע געלערנטע, יאַן אַגריקאָלאַ, שרייבט אין זיין ווערק, אין יאָר 1529, אַז אידן האָבן געקענט די שפּראַך גרינטלעכער ווי די דייטשן.

קאַפּיטל פיר

דאס געזעלשאפטלעכע, קולטור־רעלע און רעליגיעזע לעבן פון די קהלות

פאַרשיידענע קאַטעגאָריעס

איצט טרעטן מיר צו צו דעם שענסטן קאַפּיטל פונעם סאָציאַלן אידישן לעבן אין דעם פעריאָד וועלכן מיר באַשרייבן.

די קהלות זיינען געווען גוט אָרגאַניזירט דורך זעלבּ־דיסציפּלינירטע מעטאָדן און רעגולאַציעס וועלכע קענען דינען אַלס מוסטער פאַר אונדזער מאָדערנער צייט. די קלאַסן־פּראָבּלעמען מיט וועלכע מיר ראַנגלען זיך היינט, האָבּן דעמאָלט נאָך נישט עקזיסטירט. אַרבּעטס־געבּער און אַרבּעטער זיינען געשטאַנען אויפן זעלבּן שטאַפּל פון געזעלשאַפטלעכן לעבּן. דער אונטערשייד צווישן די קהלה מיטגלידער איז געווען נאָר לויט זייערע אייגנשאַפטן און כאַראַקטער. רייכטום אַליין האָט נישט געשפּילט קיין ראָלע אין דער פירערשאַפט פון סאָציאַלע אינטערעסן. די דעה־זאָגער זיינען געווען די וועלכע האָבּן זיך אויסגעצייכנט אין לומדות און אידישע ענינים. גאָר דער היפּוך פונעם צושטאַנד אין וועלכן דאָס אידישע לעבּן געפינט זיך היינט צו־טאָג.

די באַפעלקערונג פון דער קהלה איז באַשטאַנען פון פיר קאַטעגאָריעס: רבנים, לומדים חשובים, בחורים און בעלי בתים. די ערשטע דריי זיינען געווען די געלערנטע, אָדער ווי מען וואָלט זיך היינט אויסגעדריקט "די אינטעליגענציע". אינעם רבנישן קלאַס האָט מען אויך אַריינגערעכנט די ראשי הישיבות (אפילו אָן רבנות שטעלעס) און דיינים. "לומדים חשובים" האָט געהייסן גרויסע תלמידי חכמים אין אידישע ידיעות אָן ישיבות אָדער רבנות, זייער פּרנסה האָבּן זיי געצויגן פון מסחר. פיל פון זיי זיינען געווען רייכע געשעפטס־לייט, אָבּער זיי האָבּן גענומען אָן אַנטייל אין אַלע באַראַטונגען און דיסקוסיעס בנוגע דינים, שאלות און רעליגיעזע אָנגעלעגנהייטן בכלל. "בחורים" האָבּן געהייסן די תלמידים אין ישיבות, צווישן זיי פיל פאַרהייראַטע מיט קינדער. צוליבּ דעם וואָס זיי האָבּן פאַרבראַכט זייער גאַנצע צייט אין לערנען און שטודירן, איז זייער נאָמען "בחורים" פאַרבּליבּן אויך אויף ווייטער. די אַלע איבּעריקע תושבים האָט מען גערופן "בעלי בתים", דאָס מיינט אָבּער נישט

אַז יעדער האָט פֿאַרמאָגט אַ הויז, עס איז נאָר אַן אויסדרוק פֿאַר פשוטע לייט מיט פֿאַמיליעס און וועלכע זייער ידיעה אין לערנען איז מערסטנס געווען אַ שוואַכע. אין פֿאַרגלייך מיט די ערשטע דריי קאַטעגאָריעס זיינען זיי געווען דער המון, די פֿאָלקס מאַסן. פֿון דער אַנדערער זייט איז דער מין "עמי הארצים" דעמאָלט גאָר נישט געווען בנמצא. כמעט יעדער אָן אויסנאַם האָט געקענט מער אָדער ווייניקער לשון הקודש און פֿאַרשטאַנען די תפֿילות און פּיוטים (הלואי אויף אונדזערע היינטיקע תלמידים פֿון די שולן אָדער אפֿילו בתי הספֿר געזאָגט געוואָרן). און די בעלי הבתים זיינען געווען די מאַיאָריטעט פֿון דער קהלה, פֿונדעסטוועגן איז די פֿירערשאַפֿט גע־לעגן אין די הענט פֿון די ערשטע דריי קלאַסן, וועלכע האָבן רע־פּרעזענטירט דעם אויבערשטויסל פֿונעם געזעלשאַפֿטלעכן לעבן.

דער יסוד פֿון די קהלות

די אידישע געמיינדע אין יעדער שטאָט האָט זיך געפֿירט לויט אַ מין אויטאָנאָמיע, זעלבפֿאַרוואַלטונג, מיט אייגענע גע־זעצן וועלכע זיינען געווען צוגעפּאַסט צו די הצטרכות'ן פֿון אומ־געגנט. צו איבערגיין פֿון איין קהלה צו דער צווייטער, האָט מען געמוזט קריגן אַ דערלויבעניש פֿון דער פֿאַרוואַלטונג אינעם נייעם פּלאַץ. נאָך אַ געוויסער צייט, האָט מען זיך דעמאָלט געקענט רעכע־נען אַלס אַ שטענדיקער תושב מיט פֿליכטן צו שטיצן די קהלה אינ־סטיטוציעס.

די דאָזיקע אויטאָנאָמיע איז געגעבן געוואָרן פֿון דער פּראָ־ווינץ־רעגירונג אָדער פֿונעם בישאָף. די קריסטלעכע וועלט האָט

זיך לחלוטין ניט געמישט אין די אינערלעכע אנגעלעגנהייטן פון די אידן בכלל וועלכע האבן געלעבט אין אפגעזונדערטע קווארטאלן. אלץ וואס מען האט פון זיי געפאדערט איז צו צאלן דעם באשטימטן שטייער פאר דער גאנצער קהלה. די לעצטע פלעגט אויפהאלטן א גאנצע רייע אינסטיטוציעס אין וועלכע די באפעלקערונג האט זיך געניטיקט לויט דעם געשמאק און טראדיציעס פון יענער צייט. זי האט פארוואלטעט און אויסגעהאלטן די שול, בית המדרש, ישיבה, תלמוד תורה, שמשים און ענלעכע כלי קודש, הכנסת אורחים, בקור חולים, האספיטאל, יתומים און מושב זקנים הייזער, א קהל'שע בעקעריי, טאנץ־זאל (פאר חתונות און גלאט אזוי שמחות) און ענלעכע אינסטיטוציעס.

די אויפהאלטונג פון די אלע אויבנדערמאנטע פערזאנען און הייזער, האט געמוזט געדעקט ווערן פון פרייוויליקע ביישטייערונגען. מען האט קיינעם נישט דיקטירט וויפיל זיין אפצאל זאל באשטיין, אבער יעדער תושב האט געוואוסט זיין פליכט און פלעגט זיך אליין טאקסירן לויט זיין פארמעגן. אזא אקט מצד א לעבעדיקן מענטשן קלינגט אונדז אביסל פאנטאסטיש. אבער דאס איז א היסטארישער פאקט, באשטעטיקט דורך פיל דאקומענטן.

עס האט זיך געמאכט אז די ראשי הקהל האבן אמאל געוואלט פארגרעסערן די שטייער פון א געוויסער פערזאן, דעמאלט האט דער באטרעפנדער מאן געהאט דאס רעכט צו רופן זיי צו א דין־תורה און איבערצייגן דעם בית־דין אז מען באגייט קעגן אים אן אומרעכט. די שטייערן וואס יעדער האט זיך מתחייב געווען צו צאלן, זיינען געווען נאר פון באשטימטע פארמעגנס, ווי מזומן געלט, געשעפטן און ענלעכע אונטערנעמונגען וועלכע האבן אריינגעבראכט פארדינסטן. הייזער און פעלדער זיינען געווען פטור פון שטייער ווייל דעמאלט האט מען גערעכנט אז אזעלכע פארמעגנס קענען צו יע־

דער צייט פֿאַרלאָרן גיין. דער איד איז דאָך שטענדיק געווען אין שרעק אַז היינט אָדער מאָרגן וועט אויפֿשטיין אַ נייער מושל אַ רשע, און אים איינגאַנצן פֿאַרטרייבן פֿון שטאָט, דעריבער האָבן אידן זיך נישט איינגעקויפֿט צופֿיל הייזער אָדער לאַנד, און בעסער געהאַלטן זייער קאַפּיטאַל אין אַזעלכע עסקים וואָס זיינען גרינג און שנעל צו ליקווידירן אויף מזומן. די קהלה האָט שטענדיק געמוזט האַלטן ביי זיך אַ געוויסע סומע געלט אין זאַפּאַס צו זיין גרייט, על כל צרה שלא תבוא, פֿאַר אומגעריכטע גזירות. פּראָווינץ רעגירונגען פֿלעגן זיך אָפֿט פֿאַרגלוסטן צו מאַכן אַ שפּאַס מיט זייערע אידן, און געלט איז דעמאָלט געווען די איינציקע רפֿואה קעגן פֿאַרפֿאָלגונגען. פֿיל נדיבים האָבן טאַקע פֿון צייט צו צייט צוגעטראָגן געלט מער ווי זייער חלק איז, אַבי די קהלה קאַסע זאָל נישט זיין ליידיק.

די קהלה פֿאַרוואַלטונג

די פֿאַרוואַלטונג פֿון דער קהלה איז באַשטאַנען פֿון אַ קאָמי־טעט פֿון זיבן לייט, וועלכע מען האָט אויסגעקליבן און גערופֿן "פּר־נסים" אָדער "ראשי הקהל" און אַמאָל אויך "טובי העיר". זיי פֿלעגן דערוויילט ווערן דורך דירעקטע אַלגעמיינע וואַלן פֿון אַלע איינוואוי־נער אויף אַ דעמאָקראַטישן אופֿן. אָבער ווי נאָר דער קאָמיטעט איז דערוויילט געוואָרן, איז איינגעפֿירט געוואָרן אַ שטרענגע דיסציפּלין אין קהל׳שע ענינים און אַלע האָבן געמוזט פֿאָלגן דעם באַפֿעל פֿון די פּרנסים. די קאָאָפּעראַציע און צוטרוי צווישן עולם און די פֿאַר־שטייער, איז געווען פֿאָלקאָם. אַפֿילו בנוגע געלט ענינים זיינען די פֿירער געווען אַזוי באַגלויבט, אַז זיי האָבן נישט באַדאַרפֿט אָפּגעבן קיין דין וחשבון וועגן פֿינאַנציעלע אָנגעלעגנהייטן. דער איינציקער

וואָס האָט יאָ געהאַט אַ דעה איבער זיי איז געווען דער רב. נאָכמער, דאָס איז געווען איינע פון זיינע פליכטן אָפּצונעמען אַ באַריכט פון זייערע טעטיקייטן און אַ חשבון פון אַלע געלטער. מיט דער השגחה פון רב אויף די פּרנסים זיינען פיל איבלען וואָס קענען פאָרקומען צווישן מענטשן, פאַרמידן געוואָרן. דעם רב׳ס באַפעל איז געווען אַ געזעץ.

בכלל האָט מען אָן רב׳ס הסכמה נישט געטאָרט ענדערן קיין געזעץ אָדער אַ מנהג אין קהלה אָנגעלעגנהייטן. דערצו נאָך האָט די רעגירונג אַליין געגעבן דעם רב פול־מאַכט אויסצוגלייכן געלט און געשעפט־סכסוכים צווישן סוחרים. אין יענע צייטן פלעגט מען נישט גיין מיט תביעות אין אַלגעמיינע געריכטן. אויב איינער האָט געוואָלט אָנקלאָגן אַ צווייטן, האָט ער זיך געווענדעט צו די אידישע פּרנסים פאַר אַ דין תורה. דער רב איז געווען דער פאָרזיצער און אַכטונג געגעבן אַז דער פּסק זאָל זיין באַזירט אויף די דינים פון דער תורה.

עס פלעגט אַמאָל טרעפן אַז אַ רעגירונג פון דער אָדער יענער פּראָווינץ זאָל זיך וועלן אַריינמישן אין די אינערלעכע אָנגעלעגנהייטן פון דער קהלה ווי: וועלכע פּרנסים זאָלן דערווילט ווערן אָדער וועלכן רב מען זאָל נעמען. דער אויסרייד איז געווען, אַז אַזוי וועט פיל בעסער זיין פאַר דעם וואוילזיין פון דער באַפעלקערונג. די אידן אָבער האָבן שטענדיק געזוכט וועגן און מיטלען ווי אָפּצוּוואַרפן די פרעמדע טובות און זיינען געבליבן אָפּגעזונדערט. זיי האָבן זיך געפילט שטאַרק גענוג אין זייערע אייגענע כוחות צו רעאַגירן אויף זייערע אינערלעכע אינטערעסן אָן הילף פון דרויסן.

תפילות, חזנים און די שול

די קהלה האָט אויך געשאַפֿן אירע תקנות בנוגע דער צייט פֿון דאַוונען אינדערפֿרי און אָוונט. חוץ דעם פֿלעגט דער שמש אַרומ־גיין פֿון הויז צו הויז, אָנקלאַפּן אין די טירן און אָנזאָגן אַז עס איז שוין צייט אין שול צו גיין. ס'וועט קיין טעות ניט זיין, לויט היסטאָריקער, צו באַמערקן, אַז אַזאַ מינהג פֿון וועקן צום דאַוונען, אין אַנ־אַנדער פֿאָרמע, איז איבערגענומען געוואָרן פֿון די קריסטלעכע שכנים. ביי די לעצטע, רופֿן די גלאָקן אין קלויסטער אַריין.

חזנים האָבן געהאַט באַשטימטע פֿליכטן וואָס אָנבאַלאַנגט זייערע מאַניערן שטייענדיק פֿאַרן עמוד צום דאַוונען. אַ חזן האָט געדאַרפֿט שטיין גלייך, נישט זיך שאָקלען צופֿיל אָדער מאַכן איבעריקע באַוועגונגען; זיינע הענט האַלטן פֿאַרלייגט אויפֿן האַרצן, ווי אַ קנעכט שטייט פֿאַר זיין בעל הבית לויטן פּסוק: "ודע לפני מי אתה עומד"—דו מוזט וויסן פֿאַר וועמען דו שטייסט; די תּפֿילות זאָגן לאַנגזאַם, יעדעס וואָרט דייטלעך אַרויסזאָגן און זיך נישט יאָגן ווי פּטור צו ווערן פֿון זיין פֿליכט וואָס שנעלער. אין זיינע געשפּרעכן מיטן עולם האָט ער געדאַרפֿט זיין געלאַסן און אנגענעם. אין פֿאַל ווען אַ רייסעריי איז פֿאָרגעקומען צווישן די בעלי הבתים אין שול, איז זיין חוב געווען צו שטיין פֿונדערווייטן און זיך ניט מישן אין זייערע סכסוכים. אויף אַזאַ אופֿן האָט דער חזן אַרויסגערופֿן פֿיל רעספּעקט צו זיך און צו זיין מיסיע אַלס אמת'ער "שליח־צבור".

געוויסע מנהגים און תקנות זיינען אויך דורכגעפירט געווארן ווי מען זאל זיך נוהג זיין אין שולביים דאוונען: האלטן זיך רואיק, נישט זאגן די תפילות אויף א הויכן קול און אויסמיידן פריוואטע געשפרעכן אדער גלאט שמועסן. (צום באדויערן איז דאס דער היפך פון דער פיל פארשפרייטער געוואוינהייט אין אונדזערע היינטיקע שולן). עס איז אויך נישט דערלויבט געווארן אריינצוקומען אין שול מיט שמוציקע אדער בלאטיקע שיך. יעדער האט געמוזט איבערלאזן זיינע איבער־שיך אין דרויסן אין פאל פון א רעגנדיקן טאג. איבער־שיך, ווייזט אויס, זיינען געווען ווי אונדזערע קאלאשן אבער געמאכט פון האלץ. א באוואוסטער דייטשער דיכטער פון פופצנטן יאר־הונדערט, בראנט, באשרייבט אין א פאעמע מיט גרויס קנאה ווי ביי אידן ווערט די שול געהאלטן אין ארדענונג און ריין אין פארגלייך מיט די קלויסטערס.

עס ווילט זיך באמערקן אז איצט איז די לאגע גראדע פאר־קערט. מיר דארפן זיך גאר נעמען א מוסטער פון זיי. ווייזט אויס, אז דאס לעבן צווישן די געטא ווענט אין יענע צייטן, האט דעם אידן געמאכט צו זיין גארמאלער בנוגע זיינע פליכטן צום כלל, בעסער גייסטיק און איידעלער מענטשלעך. אפשר ווערט אויף אונדז מקוים איצט דער פסוק: "וישמן ישורן ויבעט".

קאַפּיטל פינף

דאס אינערלעכע אידישע לעבּן

אין יענעם פעריאָד איז דאָס אינערלעכע סאָציאַלע לעבן פון די אידן אין די דייטשע פּראָווינצן געשטאַנען אויף אַ הויכער מדרגה. זייענדיק שטרענג רעליגיעז, לויט די דינים און מצוות פון דער תורה, האָבן זיי געפירט זייער פאַמיליען און טעגלעכן לעבן אויף אַ העכסט אינטעליגענטן און מוסטערהאַפטן אופן.

די אידישע פרוי

אינעם לעבן פון דער פאמיליע האט די אידישע פרוי געשפילט זייער א וויכטיקע ראלע. מען האט זיך באצויגן צו איר מיט כבוד און אכטונג אלס הויפט פערזאן אין דער הויז־ווירטשאפט. דער מאן אין זיין געשפרעך האט זיך געווענדעט צו איר מיט א בכבודיקן אויס־דרוק: מיינע הויז פרוי צו צייגן אז זי איז די וויכטיקסטע פערזאן אין הויז. פיל רבנים, ווי דער מהר״יל און זיין גלייכן, לויט די אנ־מערקונגען אין זייערע ספרים, האבן געטאן דאס זעלביקע, שטענ־דיק זייערע פרויען העכער פון זיך. א רמז אויף אזא באציאונג גע־פינט מען אויך אין תלמוד וואו דער תנא ר׳ יוסי רופט זיין פרוי ״ביתי״, מיינענדיק מיט דעם אז אן איר האט דאס הויז קיין בא־דייטונג נישט.

אויך דער פרוי׳ס באציאונגען צום מאן זיינען געווען מיט גרויס כבוד, ספעציעל רבנישע פרויען און פרויען פון אנדערע תל־מידי חכמים, וועלכע האבן פארבראכט דעם מערסטן טייל פון זיי־ער לעבן אין לערנען תורה. עס האבן זיך געפונען אזעלכע פרויען, וועלכע האבן זיך אפגעזאגט פון פיל פארגעניגנס אבי צו באזארגן אז עס זאל גאר נישט אויספעלן דעם מאן ווען ער קומט שפעט אין אוונט פון בית המדרש. דעריבער האט דער מאן געקוקט אויף זיין פרוי אלס א צדקנית, א הייליקע, נעמען וואס ווערן אפט דערמאנט אין חבורים פון יענער צייט.

מען דערציילט אויף א באוואוסטן רב, וועלכער האט געשריבן צום מהר״יל אז אין זיין ישיבה לערנט מען ביי א טיש, וואו עס גע־

פינט זיך אַ ברעט אויף וועלכער מען האָט אַמאָל מטהר געווען אַ צדקנית מרת "יוטא" פאַר דער קבורה. מיט דעם, הייסט עס, האָט מען פאַרהייליקט און פאַראייביקט איר אָנדענק.

ניט אַכטנדיק אויף דעם באוואוסטן מאמר אין תלמוד: "כל המלמד את בתו תורה כאלו מלמדה תיפלות", דאָס מיינט אַז לערנען תורה זיין טאָכטער איז גלייך ווי מען וואָלט איר געלערנט אומוויר־דיקייט, זיינען פונדעסטוועגן אין יענער צייט, געווען פיל פרויען וועלכע האָבן זיך געקענט רופן אמת'ע "לומדות" אין תלמוד און שולחן ערוך, אַזוי ווייט אַז אייניקע רבנים האָבן זיך פאַרלאָזן אויף זיי צו פסק'ענען שאלות און ענטפערן פראַגן וואָס זיינען אָנגעקומען צו זיי מכח כשר און טריף. דערהויפּט האָט זיך אויסגעצייכנט אַ מרת רעדיל, די שנור פון מהר"י איסרלין, וועלכער האָט עדות גע־זאָגט אויף איר אַז זי לערנט גמרא גלייך ווי די מענער פון דער ישיבה. אויך ווערן דערמאָנט אין שאלות ותשובות ספרים צוויי שוועסטער: בינלין און שמחה (אַ ווייבערשער נאָמען) אַלס אויטאָ־ריטעטן אין דינים פון פלייש ווייקן און זאַלצן, און אַזוי קען מען אויסרעכענען נאָך פיל פרויען "תלמידי חכמות".

עלטערן און קינדער

די פּראָבלעם פון עלטערן און קינדער וואָס איז אַזוי אָנגע־ווייטיקט אין די לעצטע דורות, די ירושה פון דער השכלה באַווע־גונג, האָט דעמאָלט גאָר נישט עקזיסטירט.

אָפּגעזונדערט פון דער דרויסנדיקער וועלט און שטענדיק אין שרעק פאַר פינצטערע כמאַרעס וואָס פלעגן זיך אָנקלייבן אויפן האָ־

ריזאַנט, האָט דער איד געזוכט צו פֿאַשטאַרקן זיין פּאָזיציע אין דער אייגענער סביבה; און האָבנדיק וויניק האָפֿנונגען אַז אַ פֿאַרלייכ־טערונג פֿאַר אַ בעסערער צוקונפֿט וועט קומען פֿון פֿרעמדע קוואַלן, האָט ער באַפֿעסטיקט זיין אייגענע וועלט און אַריינגעבראַכט דאָרטן ליכט און לעבן. דער גלויבן אין "נצח ישראל" האָט אַלעמען, גרויס און קליין, עלטערן און קינדער צוזאַמענגעקניפּט, כדי צו באַשיצן זיך קעגן אַלע רוחות רעות וועלכע האָבן געלויערט אויף זיי.

דער יונגער דור האָט פֿיל מיטגעהאָלפֿן אַז דער "בית יש־ראל" זאָל זיך נישט פֿאַרנאַנדערפֿאַלן און זאָל בלייבן שטיין פֿעסט אויפֿן באָדן און דאָס פֿאַמיליען לעבן זאָל ממשיך זיין די טראַדיציאָ־נעלע גאַנצקייט. די באַציאונגען צו עלטערן זיינען געווען אויסער־געוויינלעך אנגענעם, מיט ליבשאַפֿט און כבוד. שבתים און יום טובים איז געווען כמעט ווי אַ חוב, אַז קינדער מיט זייערע פֿאַמיליעס זאָלן זיך צונויפֿקומען ביי זייערע עלטערן און צוזאַמען פֿאַרברענגען אין פֿריידן און נחת ביז הבדלה צייט. נאָכדעם ווי אַלע, אַריינגערעכנט די משרתים און באַדינער, האָבן פֿאַרזוכט פֿון כוס יין הבדלה, פֿלעגן די זין אויסטאָן זייערע היטלען און אויך די טעכטער מיט די שניר זייערע קאַפּעלושן (צי דעמאָלט האָבן יאַרמולקעס עקזיסטירט איז נישט באַוואוסט) *) און דער פֿאָטער, אַרויפֿלייגנדיק זיינע הענט אויף זייערע קעפּ, פֿלעגט זיי בענטשן מיט אַ גוטער און הצלחה'דיקער וואָך. דער דאָזיקער מנהג ווערט דערמאָנט אָפֿט אין די ספֿרים פֿון יענער צייט.

---

*) עס ווייזט אויס אַז אין דער דאָזיקער צייט האָבן אידן נישט אַזוי מקפּיד געווען בנוגע גליוי הראש" ביים דאַוונען אָדער אין אַנדערע רעליגיעזע צערעמאָניעס. דער גאַנצער ענין "מיט אַ היטל, אָן אַ היטל" איז אַפֿילו קיין צוויי הונדערט יאָר אַלט. אַלס אַן עבירה

אַנדערע מינהגים און מידות

די מידה פֿון הכנסת אורחים איז געווען זייער פֿרשפּרייט צווישן די מאַסן. אַנדערע האָבן זי אָפּגעהיט ווי אַ מצווה, אַ געבאָט פֿון גאָט. קיינער פֿלעגט זיך נישט זעצן שבת און יום טוב צום טיש אָן אַן אורח. אַ טייל רבנים, דערהויפּט מהר״י איסרלין, האָבן אײַנגעפֿירט ביי זיך ווי אַ חוב אײַנצולאַדן אויף שבת אַלע תּלמידים. די פֿירער פֿון דער קהלה פֿלעגן צושיקן קוויטלעך מיטן נאָמען ״פּלעטן״ צו אַלע בעלי הבתּים אין שטאָט אַז יעדער זאָל נעמען אַן אורח אויף שבת, און קיינער האָט זיך ניט אָנטזאָגט. דער דאָזיקער שיינער מינהג איז ווייטער אָנגעגאַנגען פֿאַר פֿיל דורות אין פּוילן און ליטע, אויך אין אַנדערע מזרח איראָפּעאישע מדינות ביז נישט לאַנג צוריק. דעם אורח האָט מען צוגעטיילט דעם כּבוד פֿון בענטשן—״ברכּו המזון״—אַ באַציאונג וואָס איז אין אונדזער איצטיקן לעבן כּמעט ווי פֿרעמד.

איז עס געשאַפֿן געוואָרן ביי הרב אברהם דאַנציג אין זיין ספֿר ״חיי האדם״ און נאָך אַנדערע רבנים. מיר ווייסן פֿון רבינו יצחק מווין, אין זיין ספֿר ״אור זרוע״, אַז מיט 700 יאָר צוריק פֿלעגט מען אין פֿראַנקרייך מאַכן אַ ברכה אויף דער תּורה אָן אַ היטל. אַזאַ היתּר געפֿינט מען אויך מיט עטלעכע הונדערט יאָר שפּעטער ביי הרב דוד הלוי, דער מחבר פֿון ט״ז. דער ווילנער גאון און מהר״של אין זייערע שריפֿטן האָבן אויך באַטראַכט די עבֿירה פֿון ״גלוי הראש״ זייער גרינג. די לעצטע עטלעכע דורות האָבן געוויסע רבנים נאָך מער עס פֿאַרשטאַרקט אַלס אַ פֿאַרברעכן פֿון אידישן דין. די רעפֿאָרם באַוועגונג האָט כּמעט אין גאַנצן געענדערט.

דאָס איז נאָר אַ היסטאָרישע באַמערקונג.

בכלל איז דאָס אידישע לעבן דעמאָלט געווען דורכגעדרונגען מיטן שטאַרקן גלויבן. פון געבורט ביזן קבר זיינען אַלע פּאַסירונגען געווען באַזירט אויף תורה ואמונה. אָבער דאָס לעבן האָט זיך שטענדיק אין בייטן און אַנטוויקלען לויט די אומשטענדן און אַזוי זיינען געשאַפן געוואָרן פיל מינהגים וועלכע האָבן געווירקט און פאַרבונדן די מאַסן אין אַ שטאַרקן אָרגאַניזם. דערביי מוז מען צוגעבן אַז פיל פון די מינהגים זיינען איבערגענומען געוואָרן פון די אַרומיקע שכנים מיטן גאַנצן שורש פון אַבערגלויבן. נאָר צו יעדער צייט פלעגט מען זוכן אַ וועג ווי אַריינפּאַסן פרעמדע מינהגים אין די ראַמען פונעם אידישן גייסט אַז זיי זאָלן שטימען מיטן כאַראַקטער פון אונדזערע דינים, ווי מיר וועלן ווייטער איבערגעבן.

ווען ביי איינעם איז געבאָרן געוואָרן אַ בן־זכר, פלעגן אַלע גוטע פריינד זיינע זיך צונויפקומען ביי אים אין הויז די נאַכט פאַרן ברית און לערנען תורה אַלס אַ סגולה צו פאַרטרייבן די שדים. מען האָט עס גערופן ״וואך־נאַכט״ אָדער ״ליל שמורים״. קינדער פלעגט מען אָממערסטן געבן צוויי נעמען, איינעם אַ העברעאישן, אַ אינגל צום ברית און אַ מיידל ביים אויפרופן שבת צו קריאת התורה, און נאָכדעם, ווען די מוטער איז צום ערשטן מאָל אַרויס אין גאַס, האָט מען צוגעגעבן דעם קינד נאָך אַ נאָמען, אַ וואָכנדיקן. דעם לעצטן האָט מען באַנוצט שפּעטער אין טעגלעכן לעבן, כדי זיך בעסער צופּאַסן צו דער אויסערלעכער וועלט. צו שמואל האָט מען צוגעגעבן ״זאַנוויל״; חנה—״חנלין״; רחל—״רעכלין״, אַזוו. נעענטער צום דייטשן געשמאַק, ווי די קריסטן, האָבן אידן אויך אָפט באַנוצט דעם אויסדרוק ״לעבן״ צום נאָמען, ווי ״יאָזעפלעבן״, ״קינדלעבן״ אַזוו. פריער, ביזן 13טן יאָרהונדערט, געפינט מען נישט צווישן אידן צוויי נעמען. געוויינלעך האָט מען יעדן גערופן מיטן פאָטערס נאָמען: ר׳ שלמה ב״ר יצחק, ר׳ מאיר בן ברוך, אָדער אויפן נאָמען פון דער שטאָט וואו ער האָט געוואוינט.

קינדער דערציִאונג

דער חינוך פֿון אידישער יוגנט דעמאָלט, איז געווען מוסטער־האַפֿט, לויטן גייסטיקן צושטאַנד וואָס האָט געהערשט אין מיטל־אַלטער. עס איז געווען מער נאַטירלעך אָן פּראָבלעמען אָדער ווידער־שפּרוכן. דער יסוד פֿון דערציִאונג איז געווען געבויט אויף תורה און מעשים טובים אָנהייבנדיק נאָך פֿון קינדהייט אונטער דער ווירקונג פֿון הויז וואו די אַטמאָספֿערע איז געווען אַ ריין אידישע. דאָס קינד האָט ממשיך געווען אין דעם זעלבן גייסט ביז וואַנען ער האָט זיך אַנטוויקלט אַלס זעלבשטענדיקער מענטש ווי אין משא ומתן, אַזוי אויך אין געזעלשאַפֿטלעכע ענינים.

די קריסטן האָבן אָפֿט מקנא געווען די אידן זעענדיק ווי אַזוי די אידישע דערציִאונג איז אויפֿגעשטעלט. דער באוואוסטער פּריי־דיקער שרייבער, סאבאסטיאן לעאטצער, וועלכער איז געווען ניט קיין איבעריקער אוהב ישראל, האָט אין יאָר 1523 מיט פֿאַרדרוס אונטערגעשטראָכן אַז די אידן זיינען אַלע געלערנטע ביז אַ געוויסן גראַד. ער זאָגט אַז אידן הייבן אָן מיט קינדער צו לערנען אַזעלכע ספֿרים וואָס זיינען דורכגעדרונגען מיט טיפֿע געדאַנקען און רעלי־גיעזע פֿליכטן. דעמאָלט איז דאָס געווען אַ זעלטענע דערשייגונג צווישן די קריסטלעכע מאַסן, ווי מיר האָבן עס פֿריער דערמאָנט ביי אַן אַנדער געלעגנהייט.

די ערשטע לימודים מיט קינדער זיינען געווען חומש און נביאים, אָבער מען האָט פּרובירט וואָס שנעלער אַריבער מיט זיי צו משנה ותלמוד. די דאָזיקע סיסטעם פֿון לערנען קינדער האָט

אָנגעהאַלטן, ווי באוואוסט, פֿאַר אייניקע יאָרהונדערט שפּעטער, ביז גאָר נישט לאַנג צוריק אין אונדזער נאָענטער פֿאַרגאַנגענהייט. דעמאָלט האָט גאָר נישט עקזיסטירט קיין דערציאונגס־אינסטיטוציע אָדער אַפֿילו אַן עלעמענטאַרע שול צווישן דער קריסטלעכער באַפֿעלקערונג. נאַטירלעך האָט מען נישט געקענט דערוואַרטן אַזאַ לוקסוס ביי אידן צווישן די געטאָ־ווענט. אַ מלמד פֿלעגט צונויפֿקלייבן אייניקע קינדער פֿון אַזעלכע עלטערן וועלכע האָבן געהאַט צוטרוי צו אים און מיט זיי געלערנט ביי זיך אין דערהיים. אַזוי איז עס נאָכדעם ווייטער אָנגעגאַנגען פֿאַר פֿיל דורות שפּעטער אין קלענערע שטעטלעך פֿון מזרח אייראָפּע, ווען אין די מערב מדינות, דערהויפּט אין דייטשע געגנטן, איז שוין קיין זכר פֿון דעם סאָרט חנוך נישט געבליבן.

לערנענדיק דעם תנ״ך, פֿלעגט דער רבי מיט די תלמידים באַנוצן אַ באַשטימטן ניגון וואָס האָט געהייסן ״שטובן־טראָפּ״ (אַ חדר אויף דייטש איז ״שטובע״). דער דאָזיקער ניגון איז ענלעך צו דעם וואָס עס איז אונדז אַזוי באַקאַנט ביים לייענען די תורה אין די ימים נוראים. היסטאָרישע דאָקומענטן באַשטעטיקן אַז פֿון חדר איז דער ניגון אַריבער צו אונדזערע בתי תפֿילות (מנהגי מה״ריל). און אַזוי האָט זיך דאָס לערנען געצויגן ביז בר מצוה, ווען דאָס אינגל איז שוין באַטראַכט געוואָרן אַלס אַ בחור—אַ יונגערמאַנטשיק, אָבער ער איז נאָך אַלץ געווען צוגעבונדן צו זיינע עלטערן און געבליבן אונטער זייער איינפֿלוס ביז נאָך דער חתונה. מען פֿלעגט גיין צוזאַמען מיט די עלטערן אין שול דאַווענען און זיך טיילן אין אַלע רעליגיעזע און געזעלשאַפֿטלעכע טעטיקייטן.

אויך האָט מען געזאָרגט צו שאַפֿן פֿאַרשיידענע פֿאַרווייליונגען פֿאַר דער יוגנט לויטן געשמאַק פֿון דער צייט. ספּעציעל פֿאַר יום טוב׳דיקע טעג, חנוכה און פּורים זיינען אַראַנזשירט געוואָרן אונ־

טערנעמונגען צו מאַכן זיי פֿריילעך. די סוכה צו באַפּוצן איז געווען די אַרבעט פֿון אינגלעך, און גלייך נאָך סוכות האָבן זיי געפּראַוועט אַ צערעמאָניע אין פֿאַרברענען דאָס סכך מיט די געשלאָגענע "הו־שענות" פֿון הושענה רבה, אַן אַקט וואָס איז ענלעך צו קינדערשע "באַנפֿייערן" אין אונדזערע טעג. מען האָט אויך געזאָרגט צוגע־וואוינען דער יונגוואַרג צו דער מידה פֿון צדקה. ווען עלטערן האָבן געוואָלט אימיצן אַ נדבה געבן, זיינען די אינגלעך געווען די שלוחים צו אָרימעלייט כדי זיי זאָלן פֿילן פֿון קינדהייט אַ פֿליכט צום צווייטנס נויט.

די באַציאונגען צווישן מלמד און זיינע תּלמידים זיינען געווען ענלעך צום צושטאַנד פֿון די קריסטלעכע.

קיין צו גרויסע שכירות האָט אַ מלמד דעמאָלט נישט געקראָגן. דאָס ביסל האָט מען אַממערסטן אויסגעצאָלט מיט עסנוואַרג אָדער געוויסע הויז אַרטיקלען. דאָס אָרים קינד האָט געבראַכט וויניקער, און די רייכע—מער. דעם מלמד׳ס פּרנסה איז געווען אָפּהענגיק פֿונעם קלאַס תּלמידים וואָס איז אים געלונגען אָדער באַשערט צו קריגן.

און אַזוי געפֿינען זיך דאָקומענטן, וועלכע ווערן דערמאָנט ביים שרייבער מיולער, אַז אין דער שטאָט ברוגז (שווייץ), אין יאָר 1505, האָט דער געמיינדע סעקרעטאַר אויפֿגעהאַלטן אויך אַ קריסט־לעכע שולע פֿאַר קינדער. אַ חוץ זיינע שכירות פֿון דער שטאָט (פֿאַר זיין אַרבעט דאָרטן), פֿלעגן די תּלמידים (פֿאַרן לערנען), אים צייטנ־וויז ברענגען קליינגעלט, וויין, אַן עוף און אייער לכבוד פֿייערלע־כע טעג. אין עלפֿעלד אַם רהיין, יאָר 1520, און אין בערן, יאָר 1483, האָבן די קינדער אויך געבראַכט ליכט און האָלץ צו באַלייכטן און באַהייצן די שולע. דאָס איז אַן אינטערעסאַנט בילד וואָס ווייזט אונ־טער וועלכע אומשטענדן, קינדער — קריסטן ווי אידן — האָבן באַ־קומען זייער דערציאונג.

אין אונטערשייד קען מען יאָ פֿאַרצייכענען, אַז ביי אידן איז דאָס לערנען געווען א מצווה, ווי עס האָט זיך גערופֿן "מלאכת הקודש"—אַ הייליקע אַרבעט.

וואָס אַנבאַלאַנגט מיידלעך, איז זייער דערציאונג, אין זין פֿון לערנען, געווען אַ באַגרענעצטע. תנ"ך האָט מען יאָ אָביסל מיט זיי געלערנט, אָבער צו גמרא זיינען זיי נישט צוגעלאָזט געוואָרן, שטיצנדיק זיך אויף דעם באוואוסטן תלמודישן מאמר. פֿונדעסטוועגן איז פֿיל פֿרויען געלונגען אויסמיידן די אַלטע טראַדיציע און אַ סך פֿון זיי האָבן געהאַט אַ גוטע ידיעה אין משנה און תלמוד לויט די ביישפּילן וועלכע מיר האָבן אָנגעצייגט אין אַ פֿריערדיקן פּרק. הע־ברעאיש אָדער לשון הקודש איז גאַר ניט געווען פּאָפּולער צווישן אידישע פֿרויען בכלל אַלס אַ שפּראַך, אַ חוץ אין אייניקע געציילטע פֿאַלן. מען האָט איבערזעצט פֿאַר זיי ספּעציעלע ספֿרים אָדער גע־שאַפֿן אַזעלכע אין דער דייטשער שפּראַך און אַ סך אינעם דייטש־אידישן דיאַלעקט. אַממערסטן האָט צירקולירט צווישן זיי אַ בוך אונטערן נאָמען: "זיטטענבוך".

אין דער שאַפֿונג פֿון אַזעלכע עקסטראַ ביכער, האָבן אָנטייל גענומען אויך באַוואוסטע געלערנטע פֿרויען, וועלכע פֿלעגן איבער־זעצן פֿון דער דייטשער ליטעראַטור. אַזוי איז, מיט דער צייט, גע־שאַפֿן געוואָרן אַ פֿאָלקאָמע פֿרויען־ליטעראַטור, וועלכע געפֿינט זיך אין אייניקע ביבליאָטעקן פֿון דייטשלאַנד. (אויב היטלער האָט עס נישט פֿאַרברענט). עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן אַז אַפּילו פֿאַר מענער, (אגב זייער ווייניק אין צאָל) וועלכע האָבן נישט גוט פֿאַרשטאַנען לשון־קודש, זיינען געשאַפֿן געוואָרן תפֿילות צום דאַוו־נען אין דער דייטשער שפּראַך אָדער דירעקטע איבערזעצונגען. די אַמאָליקע רבנים זיינען געווען מיט דער מיינונג אַז דער עיקר איז ניט די שפּראַך, נאָר די כוונה. איצט איז עס איינע פֿון די שטאַרקסטע חילוקי דעות צווישן אָרטאָדאָקסישע און רעפֿאָרמירטע געמיינדעס.

שידוכים און חתונות

שדכנות איז דאמאָלט געווען איינע פֿון די פּאָפּולערסטע אינ־סטיטוציעס אין אידישן לעבן. מען האָט אַזאַ אַרבעט באַטראַכט אַלס מצווה־עסק. אַפֿילו צווישן רבנים האָבן זיך געפֿונען אייניקע שדכנים ניט צוליב דעם פֿאַרדינסט פֿון שדכנות־געלט, הגם זיי האָבן זיך גראַדע אַמאָל געגנויטיקט אין דעם. נאָר אַלס מצווה, חתונה צו מאַכן אידישע קינדער. ווייל דער אַלגעמיינער מאָראַלישער צושטאַנד אין דער אַרומיקער באַפֿעלקערונג איז געשטאַנען אויף זייער אַ שלעכטן שטאַפּל, זיינען אידישע עלטערן געווען זייער באַזאָרגט אַז קינדער זאָלן וואָס פֿריער חתונה האָבן. עס איז כדאי זיך אָפּצושטעלן וועגן דעם און געבן אַ ברייטערע באַשרייבונג ווי אַזוי דער פֿאַרהייראַטער מצב האָט אויסגעקוקט אין יענער תקופֿה צווישן דער אַלגעמיינער געזעלשאַפֿט און אויך אין אידישן תחום.

אין פֿערצנטן און פֿופֿצנטן יאָרהונדערט, און אויך אַביסל שפּעטער, האָט געהערשט אַ שרעקלעך פֿאַרדאָרבענע געשלעכט־לעכע באַציאונג צווישן אַלע קלאַסן פֿון דער דייטשער באַפֿעלקערונג, פֿונעם קעניג ביזן אָרימסטן. מענער פֿון דעם אַריסטאָקראַטישן קלאַס האָבן זיך דערלויבט צו האָבן אייניקע ווייבער מיטאַמאָל. דער קייסער "קאַרל דער גרויסער" האָט געהאַט דריי כשר'ע און פֿינף קעפּס־ווייבער און די קירך האָט גאָר נישט פּראָטעסטירט קעגן דעם. און נאָכמער, דער מושל פֿון עססן פּראָווינץ, "פֿיליפּ דער גוטער" האָט געקראָגן אַ דערלויבעניש פֿון דער קירך צו האָבן צוויי ווייבער.

יעדע שטאָט איז געווען פאַרפלייצט מיט אויסגעלאָסענע פרוי־ען אָן אַ צאָל. אין יאָר 1394, איז פאַרגעקומען אַ פּאָליטישע פאַר־זאַמלונג אין פראַנקפורט אם מיין, וואו אַרום אַכט הונדערט זונות האָבן זיך דעמאָלט געפונען און די גאַנצע באַפעלקערונג האָט נישט דערגרייכט מער ווי ניין טויזנט נפשות. אין דעם ערך זיינען פאַר־געקומען אַזעלכע פאַלן אין אַנדערע שטעט. נאַטירלעך אַז אַזאַ צו־שטאַנד האָט געפירט צום אויסברוך פון ווענערישע קראַנקהייטן, וועל־כע האָבן געמאַכט אַ חורבן צווישן די דייטשע מאַסן. אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטן פאַר פיל דורות ביז דער דערשיינונג פון דער רעפאַר־מאַציע באַוועגונג. אין איר שטרעבונג צו קריסטאַליזירן און ענדערן די דאָגמען פון קריסטנטום, האָט די רעפאָרמאציע זיך גענומען צו אַגיטירן צווישן די מאַסן אַז דאָס ערשטע מוזן זיי פאַרהייליקן דעם פאַרהייראַטן לעבן. לוטער, דער הויפּט רעפאָרמאַטאָר, האָט פיל געשריבן און געזונגען שבחים צו דער באַשיידענער פרוי. אין איין פלאַץ באַנוצט ער זיך מיטן קאַפּיטל פון משלי: "אשת חיל מי ימצא".

אָט דער מיאוסער מצב דעמאָלט אין דער אויסגעלאָסענער וועלט, האָט געמוזט, נישט ווילנדיק, האָבן אַ ווירקונג אויך אויפן לעבן פון די אידישע קיבוצים. דעריבער זיינען אידישע געלערנטע און פירער געווען געצוואונגען צו זוכן מיטלען ווי צו פאַרשטאַרקן דעם אינערלעכן מאָראַל פון זייערע ברידער. עס זיינען געשאַפן גע־וואָרן שטרענגע דינים און מינהגים וואָס זייער אבזיכט איז געווען אָפּצוזונדערן די אידן פון די שכנים און מיט דעם אָנהאַלטן די ריינ־קייט פון דער אידישער משפחה אויף דורות ווייטער. עס איז אמת, אַז לויטן אידישן דין קען מען האָבן מער ווי איין ווייב. אָבער די אידן אין מערב אייראָפּע האָבן זיך אַנטזאָגט פונעם דאָזיקן היתר נאָך מיט פיר הונדערט יאָר פאַר דעם פעריאָד וועלכן מיר באַהאַנדלען.

דאָס זעלביקע, אויך אין אַנדערע אידישע קהלות מיט פיל יאָרן פריי־ער איידער דער באַוואוסטער "חרם דרבינו גרשום" (אַז מער ווי איין ווייב טאָר אַ מאַן נישט האָבן) איז אָנגענומען געוואָרן. *)

דעריבער קען מען באַשטעטיקן אַז די מאָדע פון חתונה מאַכן, דעמאָלט, זייערע קינדער יונג, איז נישט געווען צוליב אַ תכלית אָדער זיי זאָלן ווערן זעלבסטשטענדיק, ווי מיר פאַרשטייען עס איצט. לויט די אומשטענדן אין יענע צייטן, האָט אַזאַ זאָרג קיינמאָל נישט עקזיסטירט. עלטערן און זייערע קינדער, לעבנדיק אין דער ענגער אַטמאָספערע, זיינען געווען סאָציאַל און עקאָנאָמיש צוזאַמענגעבונדן פאַר אַרבעט און שאַפונג. דער מינהג אַז קינדער זאָלן חתונה האָבן ווי נאָר זיי זיינען ראוי צו דעם, איז געווען באַזירט אויף גלויבן און געדאַנק פון שמירה קעגן שלעכטער אויפפירונג און כדי אָפּצו־היטן די מאָראַל. אין דעם פרט, מוז מען מודה זיין, האָבן זיי דער־גרייכט אַ דערפאָלג. היסטאָרישע דאָקומענטן ציינגן, אַז אין דער צייט ווען די אַרומיקע וועלט איז געזונקען מאָראַליש, איז דאָס פאַמיליע לעבן ביי אידן געשטאַנען אויף דער העכסטער מדרגה. די קריסט־לעכע געלערנטע פון יענער צייט און אַפילו מיט יאָרן שפעטער, וועל־כע האָבן אָפט חוזק געמאַכט פונעם אידן אז ער איז ווייט פון "עולם הזה", האָבן געמוזט צוגעבן אַז פיזיש און מאָראַליש שטייט ער העכער.

---

*) נאָר אין צפון אַפריקע, דערהויפט די תימנער אידן, האָבן מער ווי איין ווייב.

די פײַערונגען בײַ תנאים און חתונות

מיט פֿיל צערעמאָניעס זײַנען תנאים און חתונות געפּראַוועט געוואָרן, אין וועלכע די גאַנצע אידישע באַפעלקערונג אין שטעטל האָט אַנטייל גענומען. ווען מיר זאָגן אַז אַלע האָבן זיך באַטייליקט אין יעדן איינעמ'ס שמחה, איז עס נישט קיין גוזמא, לויט ווייטערדיקער דערקלערונג.

אידישע קהלות זײַנען נישט געווען צו גרויסע אין מיטלאַל־טער. אומגעפער אין יאָר 1440 איז די גאַנצע באַפעלקערונג פון פראַנקפורט אַם מײַן, ווי פריער דערמאָנט, נישט געווען מער ווי ניין טויזנט נפשות, אַ שטאָט וואָס איז געווען פאַררעכנט אלס איינע פון די גרעסטע אין לאַנד. אזוי קען מען האָבן אַ באַגריף ווי גרויס, אין פּראָפּאָרציע, די אידישע באַפעלקערונג איז דאָרטן געווען, און די פראַנקפורטער קהלה איז דעמאָלט געווען צווישן די גרעסטע. פון דער אַנדערער זײַט, זײַנען אידישע יישובים אין דײַטשע פּראָווינצן געווען פיל מער אין צאָל ווי די לעצטע צײַט. מען קען עס באַמערקן אין פיל שטעט וואו גאַסן טראָגן אידישע נעמען און א איד איז אפילו אויף א זכר דאָרטן נישטאָ. (נאָך פאַר היטלערן).

די אַלטע שולן וואָס זײַנען איבערגעבליבן פון אַמאָל אין פיל ערטער, זײַנען זייער קליין, דאָס צייגט ווי קליין איז געווען די צאָל פון אידן וועלכע האָבן דאָרטן געוואוינט. לוטער שרײַבט אין איינע פון זײַנע ווערק, אז עס איז נישטאָ כמעט איין דאָרף אין לאַנד וואו מען געפינט ניט א אידן. אָבער די צאָל פון זיי, ווײַזט אויס, איז גע־ווען פון אַ מנין אָדער צוויי, ביז איניקע הונדערט אין גרעסערע

שטעט. דעריבער האָבן אידן זיך געפּילט ווי איין משפחה אין יעדן פּלאַץ וואו זיי האָבן זיך באַזעצט. אויך האָט עס פּיל געהאָלפּן די אידן צו זיין שטאַרקער פּאַראייניקט פאַר דעם וואוילזיין פון אַן אָפּ־געזונדערט לעבן אויף אַלע געביטן.

שרייבן תנאים איז געווען אַ גאַנצער יום טוב אין שטעטל. אַלע האָבן זיך צוזאַמענגעקומען אויף אַ גרויסער סעודה, וואָס איז גע־פּראַוועט געוואָרן פון חתן־כלה׳ס עלטערן. דער חתן אַליין האָט אויך אַראַנזשירט אַ מאָלצייט ספּעציעל פאַר זיינע חברים. דאָס לעצטע איז גראָדע פּאַרקערט ווי עס פּירט זיך היינט צו טאָג. די כלה׳ס חברה׳טעס גרייטן גאָר צו פאַר איר אַ פאַרוויילונג וואָס מען רופט, אין אַמעריקע, אַ ״שאַוער״. מאָדעס נאַטירלעך בייטן זיך מיט דער צייט.

חתונה פייערונגען זיינען דורכגעפירט געוואָרן מיט פיל צע־רעמאָניעס, סעודות און הוליאַנקעס וואָס האָבן אויסגעקוקט ווי אַן אַלגעמיינע שטאָטישע שמחה. די מערסטע חתונות פלעגן פאָרקומען נאָר פרייטיק. דאָנערשטיק, פאַר דער חתונה, איז אַ פּרנס פון דער קהלה אָדער סתם א חשוב׳ער בעל הבית, געווען דער שליח איבער־צוגעבן די מתנות פונעם חתן צו דער כלה. מען האָט עס גערופן ״סיבלונות״—״כלה געשאַנקען״ און דערביי האָט מען זיך גוט אמור־זירט מיט פאַרבעטענע געסט ביי געדעקטע טישן פון עסן און טרינ־קען. פרייטיק, אין דעם טאָג פון דער חתונה, האָט דער שמש גאַנץ פרי פאַררופן גאַנץ קהל אין שול אַריין צו א חגיגה וואָס האָט גע־הייסן: ״מיין״, וואו מען האָט גוט פאַרבראַכט. נאָכדעם האָט דער רב, דער עולם און די מוזיקאַנטן, אָנגעטאָן אין יום טוב׳דיקע קליי־דער, געפירט דעם חתן פאַרויס ביזן שול־הויף, וואו ער האָט באַ־דאַרפט באַגעגענען זיין כלה. דער רב, מיט געקליבענע ״פני״ פון שטאָט, האָבן דערנאָך צוגעפירט דעם חתן צו דער כלה. דער חתן

האַלטנדיק איר ביי דער האַנט אַלס צייכן אַז זי איז שוין זיינע, האָט דער עולם באַשאָטן די חתן־כלה מיט וויין און אויסגעשריען דריי מאָל: "פרו ורבו".

צו די שיינע חתונה־קליידער פון דער יונגער פּאָר־פאָלק, האָט מען זיי אָנגעטאָן נאָך אַזעלכע בגדים וואָס דערמאָנען טרויער. *) דער חתן האָט אויך געטראָגן אויפן קאָפּ אַ הויכע היטל, ענלעך צו אַ רוסישן "קאַפּישאָן" מיט לאַנגע שנירלאַך. מיט די לעצטע האָט מען דער כלה'ס האַלדז אַרומגערינגלט אַלס צייכן אַז זייער שיקזאַל און פאַרבינדונג וועלן בלייבן אויף שטענדיק. ווייטער; האָט מען זיי געפירט אין שול צו דער חופּה, וועלכע האָט אויסגעקוקט מער ווי אַ דאַך אויסגעפּוצט אין צענטער פון שול. די צערעמאָניעס פון ברכות, וויין און צעברעכן אַ גלאָז, זיינען אָנגעגאַנגען כמעט ווי עס פירט זיך נאָך היינט ביי די מערסטע אָרטאָדאָקסישע חתונות. אין אַנדערע קהלות איז די חופּה פאַרגעקומען אין שול־הויף און נאָכדעם האָט מען אַרויסגעלאָזן פליען אַ האָן מיט אַ הון איבער חתן־כלה'ס קעפּ, צו צייגן דערמיט אַ וואונטש, אַז זיי זאָלן זיין געבענטשט מיט אַ "מזל־ברכה" פון אַ גרויסן דור. נאָך דער חתונה האָט זיך אָנגעהייבן אַ סדרה פון "שבע ברכות", מאָלצייטן פאַר אַ גאַנצער וואָך צו וועלכע אַלע זיינען געוועזן איינגעלאַדן. און אַזוי האָט קהל מיט־געפייערט די חתונה ווי איין משפחה.

אין צייט פון טרויער

אויך אין טרויער האָבן אַלע גענומען אַן אַנטייל. ווען ביי איינעם האָט געטראָפן אַ טויטנפאַל, איז די גאַנצע קהלה געווען באַ־

*) אויף אַן אַנדער אופן ווערט נאָך עד היום געטאָן ביי זייער פרומע.

שעפּטיקט; געמאַכט דעם ארון, גענייט תכריכים און פֿאַרבראַכט מיטן אבל אַלע שבעה טעג. אויב דער פֿארשטאָרבענער האָט זיך אויסגע־צייכנט אין זיין לעבן מיט פֿרומקייט, פֿלעגן אלע, גלייך מיט די אבלים, רייסן "קריעה". אין געוויסע שטעט איז געווען א מנהג אַז שבת פֿרי זאָלן די בעלי־בתים קומען צום אבל אין הויז, צוזאַמען גיין אין שול דאַוונען און דאָס זעלבע באַגלייטן אים צוריק. די לויה און קבורה זיינען דורכגעפֿירט געוואָרן אויף אַ זייער איינפֿאַכן אופֿן. ביי קריסטן, דאַקעגן, איז עס דורכגעגאַנגען מיט גרויס פּאַראַד, פֿאַר־בונדן און געקניפּט מיט פֿיל אבערגלויבן פֿון שדים און רוחות רעות.

פֿון דער אַנדערער זייט אָבער, מוז מען צוגעבן, אַז אויך די אידן, אין יענער צייט, זיינען אין פֿיל הינזיכטן נישט געווען פֿריי פֿון געוויסע פֿרעמדע מינהגים בנוגע טויטע, נאָכטוענדיק זייערע שכנים. אין ספֿרים, שאלות ותשובות ווי אויך אין כתב־ידן, געפֿינט מען ווי אַזוי רבנים האָבן שטאַרק געקעמפֿט קעגן אַזעלכע נאַרישע מינהגים וואָס זיינען נישט לויטן אידישן גייסט. דער באַוואוסטער הרב יאיר חיים בכרך, האָט פֿיל חוזק געמאַכט אין זיינע שריפֿטן פֿון די וועלכע גלויבן אין זאַכן וואָס האָבן נישט קיין מקור אין דער תורה אָדער אין תלמוד. ער פֿלעגט עס אָנרופֿן "וויבערשי נאַריש־קייטן". אין איין פּלאַץ ווייזט ער אָן ווי נאַריש איז דער מינהג פֿון ברענען אַ יאָרצייט־ליכט און, נאָכמער, אַז דאָס איז דאָך פֿאַרבונדן מיט דער קריסטלעכער אמונה.

עס איז אינטערעסאַנט, ווי אין אונדזערע לעצטע דורות פֿאַר־נעמט דער ענין יאָרצייט־ליכט אַ זייער בכבוד'יקן פּלאַץ אין רעלי־גיעזן לעבן. מען קען זיך גאָר נישט פֿאָרשטעלן וואָס וואָלט געמיינט, ביי זייער פֿיל פֿרומע אידן, אַ יאָרצייט אָן ליכט, סיי אין שול און סיי אין הויז. (די "סטאַנדאַרד אויל קאָ." וועלכע פֿאַבריצירט די הייג־טיקע מאָדערנע יאָרצייט לעמפּלאַך, וואָלט אַרויס פֿון ביזנעס...)

די הויזווירטשאַפט, עסן, קליידונג און פאַרוויילונגען

די אידן, זייענדיק אין פיל הינזיכטן אונטערן איינפלוס פון דער אַרומיקער סביבה, האָבן אין הויזווירטשאַפט פּאָרט זיך אויס־געצייכנט מיט זייער אייגנאַרטיקער פירונג. אין שפייז געריכטן, קליידונג האָט זיך אַנטוויקלט ביי זיי אַ ספּעציפישער געשמאַק וואָס האָט זיך אונטערשיידט פון אַנדערע. אַ סך פון זייערע געוואוינהייטן האָבן נאָך זייערע שפּורן אַפילו היינטיקן טאָג אין אידישער בעל־בתישקייט.

אין יאָר 1405 זיינען געשאַפן געוואָרן געזעצן אין דייטשע פּראָווינצן קעגן לוקסוס אין עסן, טרינקען און קליידונג, וועלכע האָבן דעמאָלט געטראָגן גיכער אַ כאַראַקטער פון פאַרשווענדונג. די ברייטע מאַסן פלעגן וועלן נאָכטאָן די רייכע, און זיי האָבן פּשוט זיך פאַרטונקען אין חובות ביז צעשטערונג. אין מינכען, צום ביישפּיל, אין געזעץ פון באַשריינקונג, געפינט מען אַ פּונקט אַז פרויען טאָרן נישט טראָגן זייערע קליידער מיט צו גרויסע שלעפּעס. די לייגג פון דער קלייד מוז זיין נישט מער ווי צוויי אינטשעס איבער די קנאָפלען. מען האָט באַגרענעצט די צאָל געריכטן אויף זייערע חתונות, נישט מער ווי צוויי מאָלצייטן אויף אַ שמחה. מער ווי פינף און צוואַנציק פרויען פון ביידע צדדים, טאָר מען נישט איינלאַדן צו אַ חתונה־מאָלצייט, און ענלעכע באַשריינקונגען. די אידן, כאָטש ביי זיי איז די סכנה פון "זולל וסובא" נישט געווען גרויס, האָבן אויך פון זייער זייט געמאַכט אייגענע תקנות אויף דעמדאָזיקן געביט.

אָבער ניט אַכטנדיק אויף זייער קאַרגשאַפט, האָבן די אידן זיך אויסגעצייכנט מיט געשמאַקע מאכלים. זייערע געריכטן זיינען

געוועןן אזוי בטעמ׳ט, אז עס פלעגט ארויסרופן אפטע קנאה ביי זיי־ערע שכנים. עס איז דערגאנגען אזוי וויט, אז אייניקע בישאפן און שרייבער האבן עס אויסגעדריקט עפנטלעך אין שריפט. דערהויפט האבן זיי באוואונדערט וואס די אידישע גענז זיינען פעט און אידן ווייסן ווי צו מאכן פון זיי כל׳ערליי גוטע מאכלים. אגב איז צו באַ־מערקן אז די אלע געשמאקע געריכטן מיט וועלכע מיר פאסמאקעווען זיך נאך היינט צו טאג, ווי: גריוונס, לעבערקעס, לעקאך, קרעפלאך, קוכנס א. אז. וו. שטאמען פון יענער צייט. דאס זעלביקע זיינען די שבת און יום טוב געריכטן פון פלייש, פיש ביז טשאלענט און פרוכטן.

פורים איז געוועןן דער פרייליכסטער טאג אין דער קהלה. קליין און גרויס האבן זיך פארמאסקירט, געגעסן און געטרונקען כיד המלך, לויט דער אלטער טראדיציע פון "לא ידע בין ארור המן לברוך מרדכי". — אז מען קען זיך פורים אנ׳שכור׳ן אויף אזוי פיל, אז מען זאל נישט וויסן דעם אונטערשייד צווישן שילטן המן׳ען און בענטשן מרדכי׳ן.—פונדעסטוועגן געפינען מיר אין די תקנות פון די קהלות אז די פירער האבן שטארק מקפיד געוועןן מען זאל נישט אריבערכאפן די מאס אין טרינקען. מחמת דאס דייטשע פאלק איז דעמאלט געוועןן געזונקען אין שיכרות און הולטייסטווא אן א שעור, האבן אידן געשטרעבט ניט צופיל נאכטאן די גויים. די דייטשע שרייבער און דיכטער ווי סעבאסטאן בראנט, גיילער און דערהויפט סעבאסטאן פראנק,האבן געמוסר׳ט זייערע לייט וואס צו זייער שיכרות איז גאר קיין ברעג נישטא. זיי ווערן פשוט ווילד ווי חיות און טוען אפ כל׳ערליי שענדלעכע מעשים ווי פראים. יונג און אלט זיינען גלייך פארדארבן, א. אז. וו. אייגער פון זיי האט זיך אויסגעדריקט: "אז אידן וועלן קיינמאל זיך ניט דערלויבן צו פארשוועכן זייערן א יום טוב. מיר קריסטן הייבן אן צו טרינקען צו אונדזער הייליקסטן קריסטמעס־פייערונג און קענען זיך נישט אויסניכטערן דעם גאנצן יאר," אזא ווילדער צושטאנד האט דעמאלט עקזיסטירט ארום אידי־שע שכונות. דעריבער איז נישט קיין וואונדער ווארום עס זיינען געשאפן געווארן תקנות קעגן צופיל טרינקען אפילו אין אזא טאג ווי פורים. אנשטאט דעם האט מען אגיטירט צווישן די מאסן אז מער

צדקה זאָל צעטיילט ווערן אום פּורים צו אָרימע אידן און קריסטן צוגלייך. אַ מינהג מיט וועלכן מיר קענען שטאָלץ זיין.

אידישע קליידונג האָט זיך אויסגעצייכנט מיט ספּעציפישע מאָדעס. די מענער קליידער פלעגן זיין אויסגעאַרבעט מיט פיל קנייטשן און פאַלדן. אַרום האַלדז איז געווען אַ הויכער קראַגן באַפּוצט מיט ברייטע אַראָפּגעאַנגענע שנורן און פיל קנעפּלעך ביי דער זייט. עס ווערט אויסגערעכנט אַז זייערע גאַרדעראָבעס זיינען באַשטאַנען פון מער ווי אַ דוצנט קליידער פאַר מענער אָדער פרויען.

אין מיטלאַלטער האָבן אידן בכלל נישט פאַרבראַכט צופיל צייט אויף טעגלעכע פאַרוויילונגען און שפּילערייען. אין געוויסע קהלות האָט מען יאָ איינגעאָרדנט "טאַנץ-זאַלן" פאַרן עולם. אַזעלכע פלעצער האָבן עקזיסטירט נאָר צו געבן אַ געלעגנהייט צו ניט רייכע פאַמיליעס, וועלכע האָבן געוואוינט אין קליינע הייזער, אַז זיי זאָלן קענען פראַווען באַקוועם זייערע שמחות. ווי פריער דערמאָנט, פלעגט די גאַנצע געמיינדע נעמען אַן אָנטייל אין שמחות פון יעדער פאַמיליע און די דאָזיקע ספּעציעלע זאַלן האָבן זיי געגעבן די מעגלעכקייט צו פאַרבעטן דעם גאַנצן עולם.

עס פלעגט אויך טרעפן אַז אייניקע פון די געקליבענע, מער פאַרמעגלעכע לייט האָבן זיך פאַרגלוסט אַמאָל משמח זיין, כאַפּן אַ רקידה, מיט געזאַנג און מוזיק אין יום טוב'דיקע טעג. פלעגן זיי דינגען קריסטלעכע מוזיקאַנטן און זיך גלאַט וואוילגיין אין די דאָזיקע טאַנץ זאַלן. אמת, די רבנים האָבן געקוקט קרום אויף פאַרוויילונגען מיט מוזיק אין אַזעלכע טעג, אָבער, דער עולם האָט געטאָן זיינס. ווי געוויינלעך זיינען רייכערע שטענדיק אין דער לאַגע זיך צו דערלויבן מער פרייהייט און זיי האָבן געוואָלט נאָכטאָן די אדל-לייט פון זייערע שכנים. קעגן די רבנים, וועלכע האָבן גע'מוסר'ט אַז מען זאָל ניט וועלן זיין "ככל הגויים", האָבן זיך געפונען אַנדערע וועלכע האָבן אויסגעזוכט אַ היתר ווי צו דינגען די קריסטלעכע שפּילערס. אָבער נאָכאַלעמען, שבת און יום טוב האָבן פאַרט אויסגעקוקט אמת'ע רוטעג אין אידישע שכונות.

קאַפּיטל זעקס

די באַציאונגען צווישן אידן און קריסטן

די קירך און די גייסטלעכע

אין דער מחיצה און אין דער דערווייטערונג צווישן אידישע און קריסטלעכע מאַסן אין מיטלאַלטער, זיינען די אידן קיין וויכטי־קער פאַקטאָר ניט געווען. אין דער אמת'ן גערעדט, איז אַפילו די קריסטלעכע באַפעלקערונג ניט געווען שולדיק אין דעם. די שאַרפע

באַציאונגען און אָפּטע רייבונגען צווישן אידן און קריסטן זיינען דער רעזולטאַט פונעם צושטאַנד וואָס די גייסטלעכע און נאָך זיי די רע־גירונגען האָבן געשאַפֿן. די מאַסן פון ביידע צדדים זיינען שטענדיק געווען גערן צו לעבן בשלום, צוזאַמען מיטצואַרבעטן אויפן געזעל־שאַפֿטלעכן און עקאָנאָמישן געביט, ווען נישט די שטערונגען מצד זייטיקע העצערס. די היסטאָרישע פאַקטן וואָס איך וועל ווייטער אָנ־געבן, קענען עס באַשטעטיקן.

אין געזעץ־קאָדעקס וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין ביי־ערן פון רופרעכט פאָן־פרייזינג, אין יאָר 1473, געפינט זיך אַן אָפּ־טיילונג אונטערן נאָמען: "דאָס אידישע לעבן". פיל זייטן זיינען דאָרטן פאַרנומען אויסרעכענדיק געזעצן און באַשריינקונגען קעגן אידן. עס הייבט זיך אָן מיט דעם, אַז אידן זאָל מען נישט צווינגען אָנצונעמען דעם קריסטלעכן גלויבן; מ׳דאַרף נאָר זיך דורכריידן מיט זיי און ווירקן מיט גוטן. אָבער ווי נאָר אַ איד טויפט זיך, דעמאָלט מוז ער פאַרבלייבן אַ קריסט זיין גאַנצן לעבן. אין פאַל ווען ער קערט זיך צוריק צום יודנטום, באַקומט ער טויט שטראָף. מען טאָר נישט אַ אידן איינלאַדן צו זיך אויף אַ מאָלצייט אָדער עסן צוזאַמען מיט אים אין וועלכן עס איז פלאַץ. אויך איז שטרענג פאַרבאָטן גע־וואָרן פאַר אַ אידן צו באַנוצן די עפנטלעכע שוויץ־בעדער. דערי־בער האָבן אידן אויסגעבויט זייערע אייגענע בעדער אין יעדער שכונה (די היץ פלעגט געצויגן ווערן דורך רערן פון דער קהלי׳שער בעקעריי). אין די הייליקע קריסטלעכע טעג האָט אַ איד נישט גע־טאָרט זיך ווייזן אין גאַס, דערהויפּט אין דעם "גרין־דאָנערשטיק" זיי־ערן איז מען געזעסן אין די הייזער אונטער פאַרמאַכטע טירן און פאַרדעקטע פענסטער. (אַ זכר פון דעם איז געווען ביז גאָר אַ קורצער צייט צוריק אין קליינע פוילישע שטעטלעך). מען האָט אויך געפּאָ־

דערט צו טראָגן אין גאַס אַ ספּעציעל היטל. קריסטלעכע משרתים האָבן נישט געטאָרט אַרבעטן אין אידישע הייזער. די אַלע געזעצן האָבן געהאַט נאָר איין אבזיכט: אָפּצוזונדערן דעם אידן לחלוטין פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג.

די רבנים אונדזערע האָבן דעמאָלט אויך גערעדט די אידן זיך ניט צו דערנענטערן צופיל צו זייערע שכנים כדי אויסמיידן אַ צוזאַמענשטויס מיטן געזעץ און ח״ו אַריינפאַלן אין אַ צרה. מצד די רבנים איז דאָס געווען נאָר אַן ״עצה טובה״ צוליב פאָרזיכטיקייט, ווייל לויטן אידישן דין קען מען פאַרברענגען ביי אַ מאָלצייט מיט קריסטן אויב נאָר די מאכלים זיינען כשר׳ע. אויך איז נישטאָ קיין פאַרבאָט צו באַזוכן זייערע הייזער, עפנטלעכע ווי פּריוואַטע, אין וואָכעדיקע אָדער פייערלעכע טעג.

פון דער צווייטער זייט זיינען די אַלע גזירות נישט דורכגעפירט געוואָרן פאַקטיש אין לעבן פון דער באַפעלקערונג. אין פיל געגנטן איז דער געזעץ געבליבן נישט מער ווי אויפן פּאַפּיר. אדרבא, מען האָט אידן, ווי גוטע שכנים, איינגעלאַדן. מ׳האָט מיט זיי פאַרבראַכט צוזאַמען, געהאַנדלט און געלאָזט זיי בויען הייזער אויף זייער לאַנד. אַפילו אין ערטער וואו די כומרים איז געלונגען אַז מען זאָל באַפאַלן אידן, האָט עס געדויערט נאָר אַ קורצע צייט און ס׳איז גלייך פאַרגעסן געוואָרן. די פריערדיקע גוטע באַציאונגען זיינען באַנייט געוואָרן און די געזעלשאַפטלעכע און מסחר׳ישע פאַרבינדונגען ווייטער אָנגעהאַלטן. די קריסטן האָבן פאַרגעסן וואָס די קירך פלעגט זיי דערמאָנען אַז אידן האָבן דערמאָרדעט דעם ״משיח״ און געזוכט צו לעבן בשלום, שעצנדיק זייער פעאיקייט, ווייסנשאַפט און ערלעכע מסחר מעטאָדן.

דער רעליגיעזער פֿאַנאַטיזם
און דיסקוסיעס

אין יענער תקופֿה האָבן אידן אין פֿאַרשיידענע פּלעצער גע־פֿילט שטאַרק דעם דרוק פֿונעם רעליגיעזן פֿאַנאַטיזם. די כומרים, וועלנדיק באַפֿעסטיקן זייער אמונה צווישן די אייגענע מאַסן, האָבן געזוכט צו באַקערן אידישע נפֿשות צום קריסטנטום. אויב אידן וועלן זיך שמד׳ן, האָבן זיי געדענקט, וועט עס צייגן דעם המון ווי אמת זייער אמונה איז. דער עולם בכלל, אַ חוץ די גייסטלעכע, איז געווען אומוויסנד. זעלטן האָט אַ פּראָסטער מענטש געקענט לייענען אַ ספֿר. דעריבער איז שטרענג געווען פֿאַרבאָטן צו פֿירן דיסקוסיעס מיט אידן וועגן דת, ווייל די געזעצגעבער זיינען געווען זיכער אַז דער איד וועט מנצח זיין. אַפֿילו מיט פֿיל יאָרן שפּעטער האָט דער קאַ־טוילישער פֿירער סעבאַסטיאַן לאַצטער, אין יאָר 1523, געזאָגט אַז נאָר גלחים מעגן דעבאַטירן מיט אידן וועגן רעליגיע. אין דער זעל־בער צייט באַקלאָגט ער זיך אויף זיינע נאָכפֿאָלגער, ווי אומוויסנד זיי זיינען אין רעליגיעזע ענינים. ״די אידן, זאָגט ער, זיינען געלערנט אין דער ביבל נאָך פֿון קינדהייט. און ווי גרויס איז די בושה אַז אונדזערע קענען ניט פֿאַרשטיין די הייליקע רייד פֿון משיח״. ווייטער באַמערקט ער, ״אַז אַפֿילו אונדזערע נזירות—די מאַנאַשקעס—וועלכע פֿאַרשטייען שוין לאַטיין, זיינען נישט מער ווי אַנגעשטאָפּטע גענז, אָן שום פֿאַרשטאַנד אין רעליגיעזע אַנגעלעגנהייטן. אויך די כומרים אַליין, דער גרעסטער טייל פֿון זיי, זיינען נישט בעסער געלערנט ווי די פּרויען. ווען זיי ציטירן אַ זאַץ פֿון ביבל, איז עס פֿול מיט גרייזן, און רופֿן אַרויס נאָר אַ געלעכטער ביי די צוהערער, וועלכע פֿאַר־

שטייען בעסער״. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז נישט קענענדיק פירן אַ דיסקוסיע, פלעגן די ״כומרים־לומדים״ צום סוף גאָר אָנרייצן דעם המון אויף אידן.

צווישן דעם דאָזיקן טיפּ כומרים זיינען געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן זיך פאַרגעשטעלט אַלס ״בעלי־מופת״ און געצייגט דעם עולם איבערנאַטירלעכע וואונדער. איינער פון זיי, דער גלח־קנאי, יואַן די־קאַפּיסטרוני, איז געקומען אין ווינטער פון יאָר 1485 אין ניור־שטאָט צו באַווייזן זיינע מופתים. לויט ווי עס ווערט דערציילט אין ספר ״לקט יושר״, האָט דער באַוואוסטער רב מהר״י איסרלין געהאַט געענוג שטאָלץ און מוט צו נעמען נקמה פון דעם דאָזיקן גלח פאַר זיין העזה איינצולאָדן אויך אידן, זיי זאָלן זען זיינע נסים ונפלאות. הרב איסרלין האָט געלאָזט וויסן, אַז אויב דער כומר וועט איינשטימען אָן שום דריידלאַך און פאַלשקייט דורכגיין אַ פייער, וועט ער, דער רב, נאָכטאָן זיין ביישפיל. נאַטירלעך, אַז פונעם פאָרשלאָג איז גאָר ניט אַרויסגעקומען און דער גלח האָט זיך געמוזט אָפּטראָגן פון שטאָט מיט חרפה. אָבער אויב דעם שווינדלער איז נישט געלונגען עפעס אָפּטאָן אין ניושטאָט, האָט ער מער הצלחה געהאַט אין אַנ־דערע שטעט. ער פלעגט אָנוואַרפן אַ פחד מיט זיינע קונצן אויף דער באַפעלקערונג, העצן און אָנרייצן אויף אידן, וועלכע האָבן נאָכ־דעם פיל געליטן. עס זיינען געווען נאָך פיל פאַלן פון גלחים־מכשפים וועלכע האָבן פאַרפירט דעם המון.

די מכה פון משומדים

אַ חוץ אַלע צרות וואָס אידן האָבן געהאַט אויסצושטיין פון די גייסטלעכע פאַר נישט אָנערקענען דעם נוצרי, איז צוגעקומען נאָך

איינע, זייער א פיינלעכע—די "מכה פֿון משומדים". וואָלטן די לעצטע זיך באנוגנט נאָר מיטן אָפּשמדן זיך און ארויסגיין פֿון כלל ישראל, וואָלט עס קיינעם'ס זאָרג נישט געווען. אָבער, צום באדויערן, האָבן פֿיל פֿון די משומדים אטאקירט יהדות עפֿענטלעך און ארויסגעטראכט כל'ערליי בלבולים אויף זייערע אמאָליקע ברידער. לויט דעם היסטאָריקער גרעטץ, באזירט אויף די שאלות ותשובות מהר"יל און אנדערע שריפֿטן פֿון יענער צייט, זיינען די משומדים געווען פֿיל ערגערע שונאים פֿון אידן ווי די גלחים. א דערשיינונג וואָס וואָלט פֿארנומען גאַנצע בענד.

מהר"ש אלגאזי באשרייבט, לויט דעם ספר "תולדות אדם", אַז צוליב די שרעקלעכע רדיפֿות פֿון דער קאטוילישער קירך, האָט די צאָל פֿון געשמד'טע אידן, צווישן די יאָרן 1411-12, דערגרייכט איבער צוויי הונדערט טויזנט אין אייראָפּע אליין. פֿאַר יענער תקופֿה איז אזא ציפֿער אומגעהייער גרויס, ווייל די אידישע באַפֿעלקערונג איז בכלל נישט געווען קיין צו גרויסע. אמת, א סך משומדים האָבן נאָכדעם מיטן גאנצן הארצן חרטה געקראָגן און זיך אומגעקערט צום יהדות. פֿיל פֿון זיי האָבן באצאָלט מיט זייער לעבן; מען האָט זיי געפּייניקט אָן רחמנות און זיי האָבן עס אָנגענומען מיט ליבשאַפֿט על "קדוש השם". אָבער א טייל משומדים, מוז מען צוגעבן, זיינען געווען פּשוטע שווינדלער, וועמעס הויפּט ציל איז באשטאנען אין "מאַכן געלט" און לעבן א גוטן טאָג. דעריבער איז נישט קיין וואונדער וואָס צופֿיל צוטרוי און גלויבן, אַז זיי האָבן באמת חרטה, האָט מען צו זיי נישט געהאַט. קומענדיק צוריק און דערציילנדיק די רבנים וועגן זייער תשובה טאָן, האָבן זיי באַגעגנט פֿיל שוועריקייטן. הר"מ מרוטענבערג, שרייבט מה"ריל ווייל אין זיינע שאלות ותשובות, האָט געזאָגט, אַז אַזעלכע "בעלי תשובה" דאַרפֿן האָבן אַ גרינטלעכע חקירה ודרישה איידער מען נעמט זיי אַריין צוריק אין כלל ישראל.

די זעלביקע באציאונג צו משומדים האָבן אַרויסגעצייגט די קריסטן פונעם מער אינטעליגענטן קלאַס. זיי פלעגן אָפט, אין זייערע שריפטן, אַביסל חוזק מאַכן פון די נשמה־כאַפּערס ביי אידן, דער־קלערנדיק אַז דער פאַרלוסט איז נאָכדעם פיל גרעסער ווי דאָס גע־ווינס. איינער, ווילהעלם קירכאָף דערציילט ווי אַ איד איז אַמאָל געקומען צו אַ גלח מיט דער בקשה אים צו שמד׳ן. דער קאַטאָליק האָט זיך שטאַרק דערפרייט מיט דער מציאה און צוגעגרייט אַ גרויסע סעודה דעם אָוונט פאַרן שמד־טאָג. נאָכדעם ווי די געסט מיטן כומר האָבן זיך גוט אָנגעגעסן און אָנגעשכור׳ט, זיינען זיי געשמאַק איינגעשלאָפן. דעמאָלט האָט דער איד פאַרפּאַקט אַלע גאָלדענע און זילבערנע כלים מיט אנדערע טייערע חפצים און געמאַכט אַ ״ויברח״. אַ צווייטע מעשה דערציילט דער זעלביקער שרייבער אין אַ גע־שפּרעך מיט לוטער׳ן וועגן אַ באוואוסטן משומד, וועלכער האָט זיך דערהויבן צו אַ הויכער מדרגה פון אַ גלח אין קעלן. נאָענט צו זיין טויט, האָט ער געבעטן אַז מ׳זאָל אויסמאָלן זיין בילד אויפן טיר פון דער קירך. אין איין האַנט זאָל ער האַלטן אַ קאַץ און אין דער צווייטער אַ מויז. מיט דעם האָט ער געוואָלט צייגן אַז ווי די צוויי חיות קענען קיינמאָל שלום מאַכן צווישן זיך, אַזוי אויך קען אַ איד נישט פאַרבייטן זיין אינערלעכע איבערצייגונג אויפן קריסטנטום.

מיספאַרשטענדענישן און אבערגלויבן בנוגע אידן

אין אַלגעמיין קען מען זאָגן, איז ביי פיל קריסטן אויסגעקו־מען אַז זיי זיינען די ״נעבאַכעס״ און די באַרויבטע און דער איד זוכט זיי שלעכטס טאָן (איצט חזר׳ט זיך די זעלבע זאַך איבער פון דאָס

ניי). עס איז געגוג דורכצובלעטערן די ליטעראַטור פון יענער צייט און זען ווי אַזוי דער איד ווערט פאַרגעשטעלט אַלס רודף און נקמה זוכער. די אויבנדערמאַנטע ״״בבא מעשה״ אַז דער איד איז די קאַץ און דער קריסט — די מויז, איז אַ גוטער ביישפיל פון זייער גע־דאַנקען־גאַנג. קריסטן האָבן זיך ניט געמאַכט וויסנדיק אַז אין דער זעלביקער צייט האָבן זיי געשאַפן נייע גזירות אויף אידן פון טאָג צו טאָג.

עס איז אינטערעסאַנט צו פאַרצייכענען ווי די אידן האָבן גע־האַנדלט פון זייער זייט אונטער אַזעלכע אומשטענדן. די גרויסע תלמידי חכמים, ווי דער מהר״י, הר״ר יום טוב ליפּמאַן פון מיל־הויזן, מהר״יל, הר״ר מינץ, הר״ר יאיר חיים א. אז. וו., באַקלאָגנדיק זיך אויף די צרות וואָס אידן דאַרפן אויסשטיין, האָבן קיינמאָל נישט אַרויסגערופן קיין שנאה צו קריסטן. פון זייער שרייבן איז צו באַ־מערקן אַז אזא שטעלונג איז ניט געקומען פון שפלות אָדער הכנעה, נאָר אַלס רעזולטאַט פונעם גלויבן אַז דער אמת וועט סוף כל סוף מנצח זיין. צייטנווייז האָבן זיך טאַקע געפונען געוויסע קריסטלעכע געזעלשאַפטלעכע פירער, דוכסן און בישאָפן, וועלכע זיינען געווען פריינטלעך צו קהל׳שע פאַרשטייער און רבנים, אַנערקענענדיק די ערלעכע באַציאונגען פון אידן צו זיי. דער היינטיקער אַנטיסעמי־טיזם, ווי געזאָגט פריער, האָט דעמאָלט נישט עקזיסטירט, נאָר אָבער־גלויבן האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין די געדאַנקען פון דער באַפעלקערונג. און ווען נישט דער נאַרישער פאַנאַטיזם, וואָלט די אידישע לאַגע גאָר נישט געווען אַזוי שלעכט. די מאַסן, זייענדיק פאַרזונקען אין א תהום פון שטות, האָבן נישט פאַרשטאַנען דעם אידן און זיין לערע. עס איז, דעריבער, געווען לייכט זיי איינצורעדן אַז אידישע דינים און מנהגים זיינען באַזירט אויף כשוף.

עס ווערט דערציילט אז אין געוויסע שטעטלעך, ווען א שרפה פלעגט אויסברעכן אין א אידיש הויז, האָט מען עס אָפּט צוגעשריבן צום אידישן כשוף. אַנשטאָט אויסלעשן דעם פייער, האָט געטראָפן, אַז דער צעיושעטער המון איז באַפאַלן דעם אייגנטימער און אים אַריינגעוואָרפן אין פייער. אפילו בישאָפן פון פראָווינצן זיינען געווען נישט וויניקער נאַריש און שלעכט פאַרשטאַנען אידישע מינהגים. איינעם פון זיי, דער בישאָפ פון זאַלצבורג, האָט זיך פאַרגלוסט צו האָבן אַ מזוזה אין זיין הויז, גלויבנדיק אַז דאָס וועט אים ברענגען פיל הצלחה. דער מאַן ביי וועמען ער האָט געבעטן די מזוזה, האָט זיך געווענדעט מיט אַ שאלה צום מהר״י ווי ער זאָל זיך נוהג זיין אין אַזאַ פאַל. דער רב האָט גע׳אסר׳ט, נישט אַנגעבנדיק קיין דערקלערונג. אין יאָר 1408 זיינען גראַדע אַלע אידן פון זאַלצבורג אַרויסגעטריבן געוואָרן און דעמאָלט האָט דער בישאָפ דאָך געקענט אָנפילן גאַנצע קאַסטנס מיט מזוזות. אָבער די אידן האָבן אים נישט געגעבן די געלעגנהייט, אַלע מזוזות זיינען פאַרנומען געוואָרן מיט זיך אויף זייער וואַנדערונג. די גאַנצע מעשה קלינגט אַביסל קאָמיש, אָבער עס איז אַ היסטאָרישער פאַקט.

צום באַדויערן, מוז מען באַמערקן אַז אויך אין אונדזער מאָדערנער צייט, געפינען זיך נישט נאָר קריסטן, נאָר אויך פיל אידן וואָס גלויבן אַז אַ מזוזה איז צו פאַרהיטן פון שלעכטס.

ווי אידישקייט האָט געווירקט אויף קריסטן

נישט אַלע קריסטן האָבן דעמאָלט באַטראַכט אידישקייט אַלס מיסטיציזם. עס האָבן זיך געפונען פיל פון זיי, וועלכע האָבן געקוקט

אויף אידישקייט ווי אויף אַ קלאָרער, פּאָזיטיווער אמונה. זיי זיינען געוואָרן אַנטוישט אין די כומרים, פּריידיקער פון גלויבן אין גאָט, וועלכע האָבן אַרויסגעצייגט פאַרדאָרבענע זיטן אין טעגלעכן לעבן. אַזעלכע דערשיינונגען האָבן זיי נישט געקענט באַמערקן ביי רבנים און אידישע פירער.

אין 13טן און 14טן יאָרהונדערט, איז אויפגעשטאַנען אַ סעקטע "אלביגאנעזער", וועלכע האָט פּרובירט צו פאַראידישן קריסטנטום. אין פופצנטן יאָרהונדערט האָט די באַוועגונג פון "האסיטיזם" אָנ־געהייבן אויף פיל אופנים זיך דערנענטערן צו אידישקייט. לויט די מאַנוסקריפּטן פון מהר"יל וואָס געפינען זיך אין ווינער ביבליאָ־טעק, האָבן די "הוסיטן" געשאַפן תפילות אין לשון הקודש מיט דייטש, כדי דער גלויבן פון אידישן "יחוד האל", די געטלעכע איי־ניקייט, זאָל זיך הערן אין זייערע געבעט־הייזער.

די אידן אָבער, פון זייער זייט, זיינען געווען פאָרזיכטיק מיט גרים און זיך נישט געיאָגט צו באַקערן אימיצן צום יהדות, לויט אונ־דזער תלמודישער טראַדיציע: "קשים גרים כספחת לישראל", ד. ה. גרים פאַר אידן זיינען שלעכט אַזוי ווי אַ געשוויר. פונדעסטוועגן האָט זיך די קריסטלעכע אַפּיקורסות געשטאַרקט און פאַרשפּרייט אין פיל לענדער. עס האָט דערגרייכט אַפילו רוסלאַנד און אין די יאָרן 1473־89, האָט דאָרטן עקזיסטירט אַן אונטערערדישע סעקטע וואָס האָט אַנערקענט אידישקייט אין פולן זינען פון וואָרט. אַזעלכע גרופּן האָבן זיך געפונען אין מאָסקווע, נאָווגאָראָד און נאָך שטעט.

וויכוחים וועגן רעליגיע

צוליב דעם וואָס אידישע אידייען האָבן אַריינגעדרונגען אין דער קריסטלעכער געזעלשאַפט, האָט די פירערשאַפט פון דער קירך

אָנגעהייבן אין פּופּצנטן יאָרהונדערט אַ באַוועגונג צו פירן וויכוחים מיט רבנים. די אידן זיינען גאָר נישט געווען אַזוי גערן צו דיסקו־סירן מיט זיי וועגן רעליגיע, אָבער מען האָט זיי געצוואונגען צו דעם. לויט די ווערטער פון הרב יו״ט ליפּמאַן פון מילהויזן, אין זיין ספר ״הנצחון״, וואָלטן די וויכוחים מיט די גלחים גאָר נישט געווען צו לאַסט אויף די רבנים, ווען ניט די אַריינמישונג פון די משומדים להכעיס. די לעצטע, ווי געוויינלעך, נישט זוכנדיק דעם אמת אין דת, האָבן גאָר געוואָלט נעמען פון אידן נקמה. מיט זייער טאַקטיק און מעטאָדן האָבן זיי אָנגעטאָן פיל צרות אידישע קהלות.

פונדעסטוועגן האָט מען אין מיטן פון דעמדאָזיקן יאָרהונדערט געקוקט מיט מער פריינטלעכקייט אויף יהדות. דאָס איז געווען אין דער צייט ווען די הומאַניטאַרישע באַוועגונג האָט זיך אָנגעהייבן, און דער גייסט פון רעפאָרמאַציע האָט געשלאָגן טיפע וואָרצלען אין מערב אייראָפּע. עס איז דעמאָלט פאָרגעקומען אַ מיינונג־אויסטויש צווישן גרויסע קריסטלעכע געלערנטע און רבנים. די באַציאונגען זיינען געווען מער פריינטלעכע, אידישע אידייען און באַגריפן האָבן גע־האָט אַ געוויסע ווירקונג אויף די מער אָנטוויקלטע און געבילדעטע קריסטן. די וויכוחים צווישן די צוויי צדדים זיינען געווען באַזירט מער אָדער ווייניקער אויף וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען כדי צו דער־גיין דעם אמת. צום ביישפּיל: איינער אַ געאָרג וויצל, באַוואוסטער פירער אין דער רעפאָרמאַציע, דערמאָנט אין זיינע שריפטן אין יאָר 1544, וועגן וויכוחים וואָס ער האָט געפירט מיט צוויי גרויסע רבנים. איינער פון זיי, שרייבט ער, איז אברהם בן אביגדור מיט וועלכן ער האָט געפירט אַ דיסקוסיע וועגן אַ פסוק אין תהילים (קאַפּ. כ״ב, פסוק י״ז): כי ״סבבוני כלבים עדת מרעים הקיפוני״ — הינט האָבן מיך אַרומגערינגלט, אַ באַנדע שלעכטס טוער האָבן מיך איינגע־שלאָסן. די גלחים, ווייזט אויס, האָבן עס פאַרטייטשט אַז דאָס האָט

מען זיי געמיינט. דער רב אביגדור האט דעם געארג וויצל איינגע־לאדן אין שול, כדי דארטן זיך דורכריידן. דער לעצטער שרייבט, אז ווען ער איז אריינגעקומען אין שול, האט ער באגעגנט א גאנצע מחנה אידישע געלערנטע, באוואפנט מיט גייסטיקע כלי־זיין און גרייט פאר א קאמף מיט אים. ער האט באוואונדערט זייער וויסנשאפט און קלוגשאפט. דער זעלבער וויצל איז בכלל געווען א גוטער אידן־פארטיידיקער געגן זייערע שונאים. ער זאגט, "אז די לעצטע פאר־מאגן זייער מאכט נאר אין די הענט און עס פעלט זיי דער כח וואס אידן באזיצן אין מויל און פעדער. ווער עס פארשטייט העברע־אישע ספרים, מוז צוגעבן אז אידן זיינען די לערער פון קריסטן אין שפראך און ליטעראטור".

צו יעדער צייט זיינען אויך געווען ליכטיקע מאמענטן אין אידישן לעבן.

קאַפּיטל זיבן

אונטער דער וועלטלעכער השפּעה

בילדונג און קולטור

ניט אַכטנדיק דערויף וואָס אידן האָבן אין יענער תקופה געלעבט אָפּגעזונדערט פון זייערע שכנים, פונדעסטוועגן האָט זיך שטענדיק געפונען אַ באַדייטנדיקער טייל פון זיי וואָס איז געווען באַאיינפלוסט פון דער אַרומיקער וועלט.

מען קען פעסטשטעלן אַז אין פיל הינזיכטן, ווי מאַניערן, קליידונג, שפּראַך, אאַוו., האָבן אידן מער אָדער ווייניקער זיך דערנענטערט צו זייערע שכנים. דער באַפעל וואָס רופּרעכט פאָן פריי־

זינג*) האָט אַרויסגעגעבן, אַז אידן מוזן טראָגן אַ ספּעציעלע הוט אין גאַס, צייגט, אַז אויסערלעך איז ניט געווען קיין אונטערשייד צווישן איד און קריסט. עס איז דעמאָלט געווען די התחלה פון אי־דישער שטרעבונג צו בילדונג, צו ווערן נעענטער באקאנט מיט דער נייער וועלט אין דער גרויסער וועלט. זיי האָבן גענומען אַן אַנטייל אין דער דייטשער ליטעראַטור און פיל שריפטן איבערזעצט פון דייטש אויף העברעאיש פאַר אידישע לייענער. כמעט יעדער איד האָט פאַרשטאַנען לשון הקודש, אָבער ווייניק דייטשן—זייער אייגענע שפראַך, ווי מיר האָבן שוין אַרויסגעבראַכט אין אַ צווייטן פּלאַץ. דורך די איבערזעצונגען אויף העברעאיש איז אויסגעקומען אַז אידן האָבן געהאַט אַ בעסערע ידיעה אין דער דייטשער ליטעראַטור, ווי די דייטשן אַליין. מיט דער צייט זיינען אַ סך אידן געוואָרן דיכ־טער און שרייבער אין דער דאַזיקער שפּראַך. די באַרימטע פון זיי קען מען אָנצייכענען: זיסקינד פון טרימבערג און וואלפין פון לא־חאנעם. דער לעצטער האָט פאַרפאַסט אַ זאַמלונג פון לידער און פּאָעמען (יאָר 1450). אויך איז געווען באוואוסט איינער שמעון פינע וועלכער האָט איבערזעצט די פראַנצויזישע פּאָעמע "Parzival" געשריבן אויף פּאַרמעט. ער האָט עס געטאָן אָן שכר, און פאַר דעם איז ער עפנטלעך באַדאַנקט געוואָרן פון צוויי באַרימטע דיכטער: קלויס וויססע און פיליפּ קאלין. אַממערסטן האָט זיך אויסגעצייכנט, איינער פּאולוס פעדערהיימער, וועלכער איז אויף דער עלטער גע־וואָרן אַ קריסט. אין די איינגערע יאָרן האָט ער אויך געשריבן אין העברעאיש און איבערגעלאָזן אַ סך מאַנוסקריפּטן אין דער מאַ־גענצער ביבליאָטעק. ער האָט פאַרפאַסט פיל ביכער, רעדאַקטירט און אויסגעבעסערט די אַרבעט פון אַנדערע שרייבער. אין פאַרלויף

*) פון בייערן, ווי פריער איז באַשריבן געוואָרן.

פֿון 15טן און 16טן יאָרהונדערט איז ער געווען דער ליבלינג פֿון די דייטשן אַלס זייער נאַציאָנאַלער ליטעראַט. זיינע קריטיקער, פֿונ־דעסטוועגן, אין זייערע אָפּהאַנדלונגען וועגן זיין שאַפֿן, האָבן קיינ־מאָל נישט פֿאַרפֿעלט צו דערמאָנען אַז די "טבילה" האָט גאָר נישט געענדערט זיין אידישן כאַראַקטער און אים אַלץ אָנגערופֿן "איד". דאַקעגן, אים אַליין האָט די משוגעת פֿון שמד געפֿירט אויך צו נאָך ערגערע און שעדלעכע טאָטן: זוכנדיק מיטלען און וועגן ווי אַזוי "נושא חן" זיין ביי זיינע קריטיקער, פֿלעגט ער וואַרפֿן שמוץ און כל'ערליי בלבולים אויף אידן, ווי דער ערגסטער שונא ישראל. מען האָט אים געשעצט אַלס דייטשן דיכטער, אָבער קיין צוטרוי צו זיין ערלעכקייט אַלס מענטש, האָט מען צו אים נישט געהאַט.

אַפֿילו די שאַפֿונגען אין העברעאיש און א גרויסן טייל פֿון דער רבנישער ליטעראַטור, האָבן אין פֿיל הינזיכטן געצויגן זייער יניקה און געשטאַנען אונטער דער ווירקונג פֿונעם דייטשן גייסט און פֿון דייטשע געזעלשאַפֿטלעכע מינהגים. אין דער רבנישער ליטע־ראַטור פֿון יענער צייט, ווי אין די שאלות און תשובות פֿון מהר"ם מינץ, מהר"יל, ספֿר חסידים קטן, לקט יושר, חוט השני און אַנדערע, געפֿינט מען גאַנצע זאַצן אין אַ ריינעם דייטשן אויסדרוק. אַזוי צו שרייבן האָבן זיי זעלבפֿאַרשטענדלעך געמוזט באַזיצן אַ גענויע ידיעה אין דער דאַזיקער שפּראַך. אויך לויטן אינהאַלט פֿון די אויבנדער־מאָנטע ספֿרים קען מען מיט זיכערקייט זאָגן, אַז די מחברים האָבן גרינטלעך געוואוסט די ציווילע געזעצן פֿון לאַנד. די שאַרפֿקייט און טיפֿזיניקייט וועלכע זיינען ענג פֿאַרבונדן מיט שטודירן תלמו־דישע דינים, האָט זיי געהאָלפֿן צו ווערן עקספּערטן אין מלוכה געזעצן בכלל. קריסטן פֿלעגן זיי אָפֿט אויסקלייבן אַלס זייערע פֿאַר־טיידיקער אין געריכט. דאָס איז נאָך אַ באַווייז אז די דאַזיקע רבנים האָבן גוט פֿאַרשטאַנען און גערעדט די לאַנד־שפּראַך.

פיזישע איבונגען און
אונטערהאַלטונגען

די וויטערדיקע פּרטים ברענגען אַרויס אינטערעסאַנטע שטריכן פונעם אידישן לעבן וואָס האָט זיך צוגעפּאַסט צו דער אויסערלעכער סביבה.

אָפּט האָבן אידישע יונגע לייט נאָכגעטאָן די דייטשע ״ריטערס״ אין פאַרווייַלונגען און שפּילערייַ. אַ צאָל זייַנען געווען אויסגעצייכנטע פערד־רייטערס מיט די כל׳ערליי קונצן וואָס זייַנען פאַרבונדן מיט דעם ווי צום בייַשפּיל: ״טורנערייַ״ און ״אורלייַנגע״; אַזעלכע, דעמאָלט באַוואוסטע אונטערנעמונגען אין פערד־יאַגערייַ. מוסר ספרים ווי דער ״ספר חסידים קטן״ און אַנדערע גיבן אָן אַז מ׳זאָל שטראָפן די, וועלכע פאַרברענגען זייער צייט אין אַזעלכע פאַרגעניגענס. דערפון איז לייכט צו פאַרשטיין אַז די יוגנט איז טאַקע געווען באַשעפטיקט מיט דעם דאָזיקן צייט־פאַרטרייב.

די אַלטע חרפה, וועלכע אונדזערע שונאים פלעגן זוכן אַרויפצוואַרפן אויפן אידן, אַז ער איז אַ פחדן און אַ שוואַכלינג, איז גראָדע נישט געווען צוגעפּאַסט צו דעם פּעריאָד וואָס ווערט דאָ געשילדערט. אידן האָבן זיך דעמאָלט אויסגעצייכנט מיט כלי זין, שווערדן און שפּיזן. מעגלעך אַז אין יענע צייטן איז עס גאָר געווען אַ נויטווענדיקייט, כדי זיך באַשיצן געגן רויבער און גלאַט נפשות, וועלכע האָבן שטענדיק געלויערט נאָך אידיש גוטס. קריסטלעכע שרייבער אין זייערע שריפטן האָבן זיך ניט געקענט אָפּוואונדערן פון אי־

דישער גבורה. האנס ווילהעלם קירכאָף און שייבלער באשרייבן אי־דישע גבורים, דערציילנדיק ניסים ונפלאות וועגן זיי. זיי זאָגן אַז קיינער קען די דאָזיקע אידישע גבורים נישט בייקומען, ווען מען באַדאַרף א שווערד באַנוצן. וועגן איינעם ווערט דערציילט אז ער האָט געקענט זיך אַנטקעגן שטעלן א גאנצע שטעטל אין אויפנעמען א קאַמף. וועגן אַ צווייטן ווערט דערמאָנט, אַז מיט זיין שפּיז האָט ער פאַרטיידיקט די שטעטל טונגען, אין פּראָווינץ באדען (יאָר 1499) טויטנדיק די אַנפאַלער מיטן קאָמאַנדיר. די שטאָט הילדסהיים האָט גרויס כבוד געגעבן א באוואוסטן אידישן גבור מיטן נאָמען "מיכאל הגדול" פאר זיינע לייסטונגען אין יאָר 1520, ווען ער האָט פאַר־טריבן א מחנה רויבער. פון דעמאָלט אָן איז דערלויבט געוואָרן אידן זיך צו באזעצן דאָרטן נאָכדעם ווי מען האָט זיי אמאָל גע־האָט פאַרטריבן.

נאָך אַ היסטאָרישער פאַקט קען פאַרצייכנט ווערן אַז די אָפּ־געזונדערטקייט פון די אידן אין זייערע שכונות האָט עס זיי ניט געשטערט זיך צו באַטייליקן אין אַלגעמיינע עפנטלעכע אונטערנע־מונגען, אַלס בירגער פונעם לאַנד. דער קריסטלעכער שרייבער, האַנס פאָן האכסטעטן, באשרייבנדיק די קאָראָנאַציע און פּאַראַד פונעם אונגארישן קייזער, מאטהיאַס קורבינוס אין יאָר 1476, גיט אָפּ פיל פלאַץ די אידן. ער דערציילט מיט אַלע איינצעלהייטן ווי אייניקע צענדליקע אידישע רייטערס אויף זייערע באַפּוצטע פערד, אָנגעטאָן אין טייערע מלבושים מיט גאָלדענע שווערדן, האָבן מאַר־שירט גלייך מיט אַלע קעניגלעכע מקורבים. פאָראויס פון דער אי־דישער מחנה האָט מען געטראָגן אַ פאָן אויף וועלכער עס איז גע־ווען אויסגענייט אין גאָלדענע אותיות, דער פסוק "שמע ישראל" און אַ "מגן דוד" איבער דעם. דער רב, אונטער אַ חופּה פון גאָלד און זילבער, מיט אַ ספר תורה אין האַנט, איז מיטן עולם נאָכגע־

גאַנגען און צוזאַמען געזונגען העברעאישע לידער, וועלכע דער קייזער מיט זיינע לייט האָבן, נאַטירלעך, גאָר ניט פֿאַרשטאַנען.

די אַלע אויבנדערמאָנטע פֿאַקטן קענען נאָכאַמאָל באַשטעטיקן אַז געזעצן וואָס זיינען געשאַפֿן געוואָרן דעמאָלט קעגן אידן, האָבן ניט געהאַט קיין ממשות. דאָס פֿאַקטישע לעבן האָט אַריבערגע־שטייגט די מחיצה וואָס איינצעלנע מלוכה פֿירער האָבן געזוכט צו מאַכן צווישן איד און קריסט. אַפֿילו דער גרויסער תהום פֿון צוויי באַזונדערע גלויבנס, וואָס האָט זיי פֿאַרנאַנדערגעטיילט, איז נישט געווען צופֿיל ווירקזאַם בנוגע געזעלשאַפֿטלעכע און עקאָנאָמישע אָנ־געלעגנהייטן. צום שטרענגען געזעץ, אַז קריסטן טאָרן נישט אַר־בעטן אָדער וואוינען ביי אידן, האָט מען נישט פֿיל אויפֿמערקזאַם געשיינקט. די קריסטן זיינען געווען גערן צו אַרבעטן אין אידישע הייזער, ווייל מען האָט זיי בעסער באַהאַנדלט. טרעפֿנדיק זיך אין גאַס, פֿלעגט איינער דעם צווייטן באַגריסן זייער פֿריינטלעך. רבנים האָבן שטאַרק אַכטונג געגעבן וועגן דעם. מהר״י ברונא, אין זיינע שריפֿטן, גיט עצות, אַז אידן זאָלן זיין די ערשטע צו באַגריסן און ענטפֿערן העפֿלעך, לויט ווי די עטיקעט פֿונעם לאַנד פֿאָדערט. דער מהר״יל פֿלעגט שטיין ביי זיין שול פֿאַר אַ לאַנגער צייט און באַ־גריסן באַקאַנטע פֿאַרבייגייענדיקע קריסטן.

מען מוז אָבער אויך צוגעבן אַז וויפֿל די באַפֿעלקערונג פֿון ביידע צדדים האָבן געזוכט צו לעבן אין פֿרידן צווישן זיך, איז פֿאַרט דער אידישער מצבביים סוף מיטלאַלטער געשטאַנען ווי אויף אַ פּולווער־פֿאַס. פֿון צייט צו צייט האָט זיך פֿאַרגלוסט אַ מושל דאָס אידישע געלט און גלחים פֿלעגן לויערן נאָך דער נשמה מיטן פֿאַר־מעגן. דעמאָלט האָבן אַלע גוטע באַציאונגען זיך אָפּגעשטעלט, און צעשטערונג האָט פֿאַרנומען דעם פּלאַץ.

קאַפּיטל אַכט

די אידן אויפן עקאָנאָמישן געביט

אידישע פּרנסות

נישט אַזוי גרינג איז די אידן אָנגעקומען ביים סוף מיטלאַל־טער צו „מאַכן אַ לעבן" און מפרנס זיין זייערע פאַמיליעס בהרחבה. עס האָבן עקזיסטירט פאַרשיידענע מלוכה געזעצן מיטן איינציקן ציל צו דערווייטערן זיי פון מסחר און אַרבעט. עס איז מקויים גע־וואָרן דער אַלטער תלמודישער מאמר: „בני ישראל לכו והתפרנסו זה מזה"—אידן, איר וועט זיך דאַרפן דערנערן איינער פונעם צווייטן —אידישע פאַכלייט און סתם בעלי מלאכות האָבן באַגעגנט פיל שטערונגען מצד די אָרגאַניזירטע קריסטלעכע צעכן, נישט צולאָזנ־

דיק זיי צום מאַרק. דאַקעגן געפֿינט מען אין די אָפּיציעלע רעגירונגס פּראָטאָקאָלן פֿון פּראַג און אַרומיקע שטעט, ווי אַזוי אידן האָבן זיך אויסגעצייכנט אין פֿאַכן און אַרבעט. עס ווערט אויסגערעכנט אַ צעטל פֿון אידישע ספּעציאַליסטן און אַרבעטער ווי: דרעקסלער, גלעזער, צירונג מעכאַניקער, בוך־בינדער און ענלעכע פֿאַכן. אין אַנדערע שטעט ווערן דערמאָנט אידישע הייזער־בויער, שיפֿן־טעכניקער, סקולפּטאָרן, שווערדן־שלייפֿער, לאַנדקאַרטן־צייכנער, אאוו. ווען דרוקערײַ איז אַנטדעקט געוואָרן, זיינען אידן געווען כמעט פֿון די ערשטע זיך לערנען דעמדאָזיקן פֿאַך און נאָכדעם אַליין געוואָרן דרוקערס. אויך זייערע פֿרויען האָבן גענומען אַ באַדייטנדיקן אַנטייל אין דרוקעריי.

די קריסטלעכע אָרגאַניזאַציעס האָבן טאַקע נישט געוואָלט אַריינלאָזן די אַלע אויבנדערמאָנטע אידישע פֿאַכלייט צו זיך אין די צעכן, אָבער, דער עולם איז אַלגעמיין האָט זיך יאָ באַנוצט מיט זיי, ניט אַכטנדיק אויפֿן געזעץ. אין נאָמען פֿון מהר״י איסרלין ווערט דערציילט, אַז אידישע פֿרויען, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט אין קליידער פּראָדוקציע, פֿלעגן קריגן פֿיל באַשטעלונגען פֿון אַדלפֿרויען, וועמענס מענער האָבן געשאַפֿן די אַנטי־אידישע געזעצן. דאָס באַשטעטיקט אַז די שטערונגען פֿאַר אידישע בעלי־מלאכות זיינען אַרויסגערופֿן געוואָרן נישט צוליב רעליגיעזע מאָטיוון, נאָר פּשוט מחמת קנאה אויפֿן עקאָנאָמישן געביט. דעם אידן באַטראַכט מען דאָך שטענדיק, דורך פֿאַרגלעזערטע אויגן אַלס אַ געפֿערלעכן קאָנקורענט. אין אייניקע סאָרטן מלאכות האָבן זיך אידן אַליין אָפּגעטיילט פֿון קריסטן. צוליב חשש שעטנז, זיינען זיי געווען געצוואונגען צו נייען זייערע אייגענע קליידער, אויסלערנענדיק זיך אַזוי שניידעריי אַלס אַ פּראָפֿעסיע. דאָס זעלביקע צוליב כשרות, האָבן זיי איינגעאָרדעט בעקערייען, פֿלייש־האַנדל און ענלעכע אינ־

דוסטריעס. אין די דאָזיקע מלאכות זיינען זיי געווען פריי פון צו־זאַמענשטויסן זיך מיט זייערע שכנים קאָנקורענטן.

אידן זיינען דעמאָלט געווען פאַרנומען מיט נאָך אַנדערע באַ־שעפטיקונגען און קוואַלן פאַר פרנסה. פון שו״ת ״תרומת הדשן״ און אויך פון מהר״י ברונאָ׳ס שריפטן איז צו זען, אַז פיל אידן האָבן זיך פאַרנומען מיט גערטנעריי און ווייַן פּראָדוקציע. פון די ספרים איז נישט קלאָר, צי זיי זיינען געווען די אייגנטימער פון די ווירט־שאַפטן, אָדער זיי געגומען אין אַרענדע. אָבער דאָס איז באַשטימט: אידן זיינען נישט געווען אַזוי געערן זיך איינצוקויפן לאַנד. אָפטע רדיפות פלעגן זיי צווינגען צו בייטן זייערע פלעצער און זוכן אַ נייעם מקום מנוחה, און ווען עס קומט אן ״עת צרה״, איז לאַנד נישט אַזוי גרינג צו ליקווידירן. אַ חוץ גערטנעריי האָבן זיי זיך פיל באַ־שעפטיקט אין מסחר פון פערד, עופות, דערהויפּט געגנז, געווירצן, קליידער און אין כל׳ערליי פעדלעריי פון הויז צו הויז.

פינאַנצן און הלוואות

איצט קומען מיר צום פונקט וועגן הויפּט פרנסה־קוואַל פאַר אידן וואָס האָט געשפּילט אַ ראָלע אין מיטלאַלטער — געלט טראַנ־סאַקציעס און הלוואות.

דעמאָלט, פלעגט מען אַנטלייענדיק געלט, אויך עס פאַרזי־כערן מיט אַ משכון, ווייל די גאַנצע סיסטעם פון הלוואות איז געווען פרימיטיוו, און קיין אָרגאַניזירטע רעגירונגס און פּריוואַטע באַנקען אָדער הלוואה קאַסעס האָבן נאָך נישט עקזיסטירט. אויך, אַזוי ווי אידן האָבן שטענדיק באַגעגנט פיל שטערונגען אום צו

פונקציאָנירן אינעם וועלט־מסחר אין אַלגעמיין, איז נישט ווילנ־
דיק אויסגעקומען אַז דער גאַנצער געלט האַנדל איז געלעגן אין
זייערע הענט. אויף נעמען געלט האָט זיך צו יעדער צייט געפונען
אַ בעלן, אפילו פון אַ אידן. און נאָכמער אין אייניקע דייטשע פּראָ־
ווינצן האָט מען זיי כמעט געצוואונגען צו דעם סאָרט באַשעפטי־
קונג. די מינכענער רעגירונג אין יאָר 1400, האָט אַרויסגעגעבן אַ
דעקרעט, אַז אַ איד טאָר זיך נישט באַשעפטיקן מיט קיין צווייג פון
האַנדל, אויסער מאַכן הלוואות פאַר אַ גוטן פּראָצענט. האָבן אידן
טאַקע גענומען צינזן וויפל עס האָט זיך נאָר געלאָזן. די רעגירונג
איז ניט געשטאַנען אין וועג און קיין באַגרעניצונג געשאַפן ווי
עס ווערט געטאָן אין אונדזער מאָדערנער צייט. און אַזוי קען מען
באַשטעטיקן אז אידן זיינען פון דעמאָלט אָן בעל כרחם געוואָרן
די הויפּט פאַקטאָרן אין דער פינאַנץ־וועלט פון מיטלאַלטער. נישט
דוקא פּריוואַטע לייט האָבן זיך געווענדעט צו זיי נאָך הלוואות, נאָר
אויך שטאַטישע רעגירונגען, רעליגיעזע אינסטיטוציעס און בישאָפן
פלעגן לייען געלט און צאָלן גוטע צינזן. עס זיינען געווען פאַלן
וואו מען האָט אידן באַשטימט אַלס פינאַנץ־בעאַמטע אָדער פאַר־
וואַלטער פון זייערע קאַסעס. דער איד מושקין, אין שטאָט טריער,
איז געווען דער הויפּט קאַסירער פון יאָר 1323 ביז 1336 פאַר דעם
דאָרטיקן אַרכיבישאָף. שפּעטער האָבן פאַרנומען זיין פּלאַץ איינער
יעקב דניאל און זיין אידים. די שטאָט רוסטוק האָט פאַר׳משכנ׳ט
אירע הכנסות צום אידן שאלתיאל פאַר אַ הלוואה אין יאָר 1300.
אין 14טן יאָרהונדערט האָט אַ רייכער איד יעקלין זיך באַשעפטיקט
מיט די פינאַנציעלע אַנגעלעגנהייטן פון דער שטאָט אולם, אאוו.

ווי פריער דערמאָנט, פלעגט מען געבן אַ משכון ביים באָרגן
געלט, אָפט האָט עס אויך אַרויסגערופן קאָמישע סצענעס. דער בי־
שאָף רופּרעכט פאָן פרייזינג האָט געמאַכט אַ געזעץ אַז אויב אַ איד

נעמט ביי אַ קריסט אַ הייליקן חפץ פאַר א משכון, מוז ער עס גלייך אָפּגעבן צוריק, פונדעסטוועגן האָבן גלחים אַליין פאַר'משכנ'ט זייערע הייליקייטן. אין יאָר 1377 האָט די פירערשאַפט פונעם קלויסטער אין מאַנוזאר צוגעשיקט אירע טייערע קירך חפצים צום אַרכיבישאָף אַז ער זאָל זיי אָפּגעבן צו א אידן אלס א משכון פאַר א הלוואה. דאָס זעלביקע האָט געטאָן די קאטוילישע פאַרזאַמלונג אין גאטטעסצעל און פאַר'משכנ'ט אירע הייליקע כלים און חפצים. צווישן די לעצטע האָט זיך געפונען א "צלם" וואָס, לויט זייער גלויבן, איז אויף אים געווען אַ שפּענדל פון דעם סלופּ אויף וועלכן דער נוצרי איז געהאַנגען... און אַזוי זיינען פיל יאָרן פאַרבייגעגאַנגען אין טראַגי־קאָמישע סצענעס. פון איין זייט גזירות און רדיפות אויף אידן און, פון דער צווייטער, קומען בעטן געלט ביי זיי און גאָר אַליין פאַר'משכנ'ען.

לויטן געזעץ האָט מען געקענט נעמען אַ גרויסן פּראָצענט, אַזוי הויך ווי 160% און אַמאָל מערער, דערהויפּט ביי פרעמדע פון אַ צווייטער שטאָט. אָבער אידן, צו זייער שבח, אין מערסטע פאַלן האָבן נישט גענומען אַזעלכע גרויסע צינזן ווי די רייכע קריסטן פלעגן עס טאָן לויט די עדות פון זייערע אייגענע שרייבער און פירער. פונדעסטוועגן האָט עס אַ טייל פון די לעצטע ניט אָפּגעהאַלטן ביי געוויסע געלעגנהייטן צו פאַרדאַמען נאָר אידישע מלוים. עס הערשט שטענדיק די אַלטע קללה אויפן אידישן פאָלק צו פאַרדעקן מיט אים די חטאים פון אַנדערע. עס איז אַ היסטאָרישער פאַקט אַז די ערשטע פּראָצענטניקעס זיינען געווען קריסטן מיט הונדערטער יאָרן פריער, אָבער ווי נאָר אידן האָבן אָנגעהייבן האַנדלען מיט געלט, זיינען זיי גלייך אַטאַקירט געוואָרן, כאָטש זיי האָבן עס געטאָן אונטערן דרוק פון דער רעגירונג. אויף דעם זאָגט עדות דער באַ־

וואוסטער פריידיקער גיילער פאָן קייזערפרעג,*) וועלכער האָט פאַר־דאַמט די שעדלעכע קריסטלעכע פראַצעסטעניקעס, אָנצייגנדיק ווי די אידישע זיינען פיל מענטשלעכער און אנשטענדיקער אין זייערע געשעפטן. דאָס זעלביקע האָבן געטאָן, מיט יאָרן שפּעטער, אַנדערע שרייבער ווי: קירכאָף, וואלדיס, הוגאָ און נאָך.**) זיי האָבן ניט פאַרלייקנט די מיאוסע טאָטן פון די קריסטלעכע געלט סוחרים בנוגע פּראָצענטן, דערהויפּט צווישן די פאָרשטייער פון דער קירך.

די צייט איז אָנגעגאַנגען ווייטער און די רעגירונגען האָבן נאָך אַלץ געשטיצט דעם געלט־האַנדל פון די אידן נישט צולאָזנדיק זיי צו אַנדערע באַשעפטיקונגען. אָבער אין דעם האָט געשטעקט אַ שרעקלעכער שווינדל מצד די רעגירונגען לויט ווייטערדיקער דערקלערונג. מהר״י איסרלין אין זיין ספר ״תרומת הדשן״ באַטאָנט, אַז דאָס אידישע פאַרמעגן, אַפילו צוגעבנדיק די גרויסע פּראָצענט פאַרדינסטן, איז שטענדיק געווען אין סכנה צו פאַרלאָרן גיין. די פרינצן, מושלים און גלחים האָבן אָפט נישט באַצאָלט צוריק זייערע חובות, און די משכנות וואָס די אידן האָבן פאַרהאַלטן, זיינען דאָס רוב געווען ווערטלאָז. מען האָט צו יעדער צייט, דורך נייע געזעצן און שטערונגען אין געשעפטן, געצוואונגען דעם אידן ער זאָל פרייוויליק אָפּגעבן די משכנות. דאָס ערגסטע איז געווען וואָס די רעגירונג פלעגט אַראָפּנעמען אַ גרויסן טייל פון דער קהלה הכנסה אַלס שטייער פאַר זיך. די פאַרמעגלעכע אידן זיינען געווען די וועלכע האָבן פון צייט צו צייט געמוזט פאַרלייגן די לעבער פון דער קאַסע. עס איז אויסגעקומען אַז וואָס מער פאַרדינסטן זיי האָבן געצויגן פון זייערע פינאַנצן, האָט די רעגירונג עס אַלץ גיכער צו־

---

*) נישט קיין איבעריקער אוהב ישראל.

**) אַלע נישט קיין אידן פריינט.

גענומען. זיי זיינען געשטאַנען צווישן צוויי פייערן: פון איין זייט ווערן קאָמפּראָמיטירט און פון דער צווייטער—באַראַבעוועט.

בכלל האָט די פּראָצענט פּראַגע, אַ חוץ דער רעגירונגס שטע־לונג, אַרויסגערופן פיל קאָמפּליקאַציעס ביי אידישע פאָרשטייער און רבנים. אין דער תורה געפינען מיר: "לנכרי תשיך ולאחיך לא תשיך" פון אַ פרעמדן קענסטו נעמען פּראָצענט אָבער נישט פון דיין ברודער. דער תלמוד ברענגט מיינונגען פון אייניקע תלמידי חכמים אַז פּראָצענט טאָר מען נישט נעמען פון קיינעם. אין שאלות ותשו־בות פון מהר"יל וויל, ווערט עס אויסגעטייטשט אויף אַנאַנדער אופן: אַזוי ווי שטייערן ווערן אַלץ גרעסער אָן אַ שעור און עס האַלט דערביי אַז אידן וועלן גאָר אינגאַנצן רואינירט ווערן, האָט מען יאָ דערלויבט צייטנווייז צו נעמען פּראָצענט. מען קען צוגעבן נאָך אַ מיינונג פון צוויי באוואוסטע גאונים וואָס עס איז געווען נישט קיין קליינע איבעררַאַשונג פאַר אַנדערע רבנים: הר"ר שלום מאושטרייך און יו"ט ליפּמאַן מילהויזן האָבן זיך אויסגעדריקט אין זייערע שריפטן אַז זיי קענען ניט זען קיין חרפה אין אידישע צינזן־געשעפטן בכלל. אידן האָבן דעמאָלט קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט, ווייל דאָס איז געווען דער הויפּט קוואַל פאַר פּרנסה.

גראדע איז יענע צייט געווען נאָענט צו דער תקופה פון רע־פאָרמאַציע, ווען אַ באַוועגונג פאַר קולטור און בילדונג האָט זיך אָנגעהייבן. גרויסע קריסטלעכע פירער און שרייבער פון די מער אויפגעקלערטע ווי סעבאַסטיאַן לאַטצער, צום ביישפּיל, האָבן אַגי־טירט אַז מען זאָל אידן צולאָזן צו אַנדערע פּרנסות. זייער געדאַנק איז געווען אַז מיט דעם וועט מען זיי אָפּוועגדן פון דער מיאוסער פּראָצענט־פּרנסה. פאָעמען און לידער זיינען פאַרפאַסט געוואָרן קעגן דער דאָזיקער צינזן־מכה בכלל, וואָס האָט פיל געדריקט די

מאָסן. אַ גאַנצע ליטעראַטור וועגן דער פּראָצענט פּראָבלעם וואָלט מען געקענט צוזאַמענשטעלן פון די אַלע מאַנוסקריפּטן וואָס זיינען צעוואָרפן איבער פאַרשיידענע ביבליאָטעקן.

אידישע דאָקטוירים

אידן, אין דער תקופה וואָס מיר בשרייבן, זיינען געווען אויך באַשעפטיקט אין דער מעדיצינישער פּראָפעסיע ווי אין די גאָר אַלטע צייטן. און דאָ איז פאָרגעקומען דער זעלביקער קאָנטראַסט צווישן טעאָריע און פּראַקטיק, ווי שטענדיק, אין געזעצגעבונג בנוגע אידן. עס איז געווען פאַרבאָטן אַז אַ קריסט זאָל זיך באַנוצן מיט אַ אידישן רופא. דער פריידיקער גיילער האָט געמוסערט די אומוויסנדע לייט (?) וועלכע טרעטן איבער דעם שטרענגן פאַרבאָט און יאָגן זיך נאָך אַ אידישן דאָקטאָר און פרעגן עצות ביי אים. דער שרייבער קירכאָף אין זיינע שריפטן באַמערקט ווי נאַריש עס איז פאַר אַ קריסט צו זוכן הילף ביי אַ אידן פאַר זיין קראַנקן קערפּער. ער איז דאָך זיכער זיין שונא און וואָלט בעסער אים זען אַ טויטן. ער זאָגט ווייטער, אַז אידן זיינען אנטשלאָסן אויסקוילענען אַלע קריסטן און די לעצטע גלויבן זיי ווי אין אמת'ע פריינט. אַנדערע זיינען געווען עטוואָס מילדער אין זייער קעגנערשאַפט צו אידישע דאָקטוירים. אויב אין אַ שטעטל האָט זיך ניט געפונען קיין קריסט אַ רופא, האָט מען דערלויבט זיך וואָנדן צו אַ אידישן. (קומט זיי אַ דאַנק?)

אָבער להכעיס די אַלע געזעצן און דרשות, האָבן אידישע דאָקטוירים געשפּילט אַ גרויסע ראָלע, נישט נאָר צווישן די מאַסן, נאָר אויך אין די גאָר הויכע פענסטער פון דער גויאישער באַפעלקערונג, אין פאַרשיידענע פּעריאָדן, פונעם קעניג ביזן אָרימסטן.

דער קייסער פרידריך דער דריטער האָט, אַלס זיין לייב דאָקטאָר, געהאַט דעם אידן יעקב בן יחיאל לונאץ. דער אַרכיבישאָף ריימאָנד דער צווייטער, פון טריער, האָט אין יאָר 1354 אויסגעקליבן "מייסטער סימון" אַלס הויפּט דאָקטאָר אין זיין הויף. פּפאלצגראף רופּרעכט, דער זקן, האָט באַשטימט אין יאָר 1362 דעם אידן גאָטליפּ פאַר זיין הויז־דאָקטאָר און אויך באַפרייט אים פון אַלע רעגירונגס שטייערן. דאָס זעלביקע האָט געטאָן אַרכידוכס פרידריק אין יאָר 1442 צו "מייסטער ראובן" אַלס הויף דאָקטאָר, וועמען ער האָט באַפרייט פון אַלע אָפּצאָלן און אויך געמאַכט אַ פאָלקאָמענעם בירגער פון לאַנד. אַזוי קען מען אויסרעכענען א לאנגן צעטל פון אידישע דאָקטוירים וועלכע האָבן פאַרנומען הויכע שטעלעס אין קייזערלעכע און דוכסן הויפן, פאַר א גוטן געהאַלט. לויט די קריסטלעכע שריפטן קומט אויס, אז אידישע דאָקטוירים אין מיטלאַלטער, האָבן זיך געפונען אַרום אייניקע הונדערט אין לאַנד. אין ספר "זיטטנבוך" ווערט דערציילט אַז אידישע פרויען האָבן זיך אויך אויסגעצייכנט אין דער מעדיצינישער פּראַקטיק.

עס איז וויכטיק צו באַמערקן אַז לויט די מקורות פון וועלכע עס קומען די אויבענדערמאָנטע ידיעות בנוגע אידישע דאָקטוירים, קען מען צוגעבן, אַז די לעצטע האָבן זיך ניט צופיל וויסנשאַפטלעך אויסגעצייכנט אין דער פּראַקטיק. על פּי רוב האָבן זיי באַנוצט פּראַקטישע מיטלען און מעטאָדן צו היילן קראַנקע, ווי מיר וועלן ווייטער דערקלערן. מען קען זיי גאָר נישט פאַרגלייכן מיט אונדזערע שפּאַנישע און איטאַליענישע גדולים אין דער מעדיצינישער וויסנשאַפט פון מיטלאַלטער. אַחוץ דעם, זיינען בכלל די דייטשע אידישע רופאים נישט געווען קיין גרויסע מלומדים אין אידישער חכמה ווי די ערשטע. מיר געפינען נישט כמעט איין ספר אָדער חיבור פון זיי וועגן אידישער אָדער מעדיצינישער וויסנשאַפט, אין פאַר־

גלייך מיט אונדזערע גרויסע געלערנטע פון שפאניע און איטאליע, וועלכע האבן געשאפן א גאנצע ליטעראטור אויף די דאזיקע גע־ביטן.

פון דער אנדערער זייט קען מען צוגעבן אז דער אלגעמיינער געפאלענער צושטאנד פון גייסטיקע שאפונגען אין די דייטשע פרא־ווינצן דעמאלט, האט זיך, נאטירלעך געמוזט אפשפיגלען אויף די אידן. בכלל איז וויסנשאפט, דערהויפט מעדיצין, אין יענער צייט, געווען נישט איבעריק אנטוויקלט אין די דייטשע פראווינצן ווי אין אנדערע אייראפעאישע לענדער. אבערגלויבן און באבסקע רפואות מכל המינים זיינען געווען שטארק פארשפרייט צווישן דער באפעלקערונג. די איינציקע וויסנשאפטלעכע מעדיקער וועלכע האבן זיך צייטנווייז אפגערופן, זיינען נישט צוגעלאזן געווארן. די אידן דאקעגן, ארומרייזנדיק איבער פארשיידענע מדינות, האבן געהאט א געלעגנהייט, מער אדער ווייניקער, אנצוזאמלען כל׳ערליי ידיעות, מיטלען און מעטאדן ווי צו היילן קראנקע. דערצו נאך פלעגן זיי אמאל לייענען מעדיצינישע ביכער פארפאסט פון אידישע געלערנטע אין שפאניע און איטאליע. אפט, זיי איבערזעצן אויף העברעאיש, און אזוי האבן זיי זיך איינגעשאפט, אונטער די אומשטענדן, א בע־סערע וויסנשאפטלעכע ידיעה אין רפואות, ווי די קריסטן אין דער זעלבער פראפעסיע. אויף דעם אופן קען מען דערקלערן די אורזאך וואס אידישע דאקטוירים האבן געקראגן די אויבערהאנט און בעסטן צוטרוי צו זיך, נישט אכטנדיק אויף דעם געשריבענעם געזעץ.

דייטשע שנאָרערס און אידישע וואַנדערער

אַ גרויסער טייל פֿון דער דייטשער באַפֿעלקערונג דעמאָלט האָט זיך פֿאַרנומען מיט שנאָררעריי. מחנות פֿון קבצנים פֿלעגן אַרומ־וואַנדערן פֿון שטאָט צו שטאָט און אויף אַ וואָלגאַרן אופֿן פֿאָדערן נדבות פֿון יעדן איינעם. צו זיי זיינען נאָך צוגעקומען כל׳ערליי באַנדעס פֿון סתם ליידיקגייערס און שמוציקע פּערזאָנען און צוזאַ־מען האָבן זיי זיך אַרויסגעלאָזן איבער די וועגן פֿאַרשאַפֿנדיק געננוג צרות דער באַפֿעלקערונג. דייטשע שרייבער האָבן אויפֿגעהויבן זייער שטימע געגן דער רעגירונג פֿאַר איר פּאַסיווער שטעלונג צו אַזאַ פֿאַרדאָרבנהייט און שאַרף קריטיקירט די בעאַמטע פֿאַר גאָר נישט טאָן אין אויסצוראָטן די דאָזיקע מכה פֿון דער מדינה. די ליטעראַטן סעבאַסטיאַן פֿראַנק און בראַנט, האָבן פֿיל באַשריבן דעם נידעריקן כאַראַקטער און געמיינהייטן פֿון די דאָזיקע באַנדעס. זיי האָבן אויך באַטאָנט די שעדלעכע און שמוציקע געשפּרעכן וועלכע די שנאָרערס באַנוצן, פֿאַרשפּרייטנדיק אַ ציינישע שפּראַך צווישן די מאַסן.

עס איז כדאי צו וויסן אַז די שטראָפֿערס און מוסר זאָגערס, זוכנדיק די אורזאַך פֿון דער דאָזיקער דערשיינונג, האָבן געפֿונען דעם אַלטן „שעיר לעזאזל״—דעם אידן, וואַרפֿנדיק די שולד אויף אים. אין דער שמוציקער שפּראַך פֿון זייערע שנאָרערס האָבן זיך געצייגט איניקע דייטש־אידישע אויסדרוקן, הייסט עס, אַז אויך אי־דישע קבצנים האָבן זיך געפֿונען צווישן זיי און פֿון די לעצטע קו־

מען די אַלע שלעכטע רייד. אין דער אמת'ן איז די גאַנצע באַשול־דיקונג געווען דורכאויס פאַלש. מען דאַרף נישט פאַרטיידיקן און ריינוואַשן זיך פאַר זיי, אָבער מיר קענען באַטאָנען דעם פאַקט, אַז דער מין רייזנדע־שנאָרערס האָט ביי אידן דעמאָלט לחלוטין נישט עקזיסטירט. גראָדע אַנדערע קריסטלעכע פירער האָבן שטאַרק מקנא געווען די אידישע צדקה אינסטיטוציעס. דערהויפּט האָט דער שרייבער גיילער זיך באַקלאָגט וואָרום די שטאָט־טאַטעס אָרגאַני־זירן ניט די צעטיילונג פון צדקה און שטיצונג צו אָרימעלייט. ער וויזט אָן ווי ביי אידן עקזיסטירט שטענדיק די טראַדיציע פון צדקה אַלס אַ טייל פון זייער לעבנשטייגער.

מען קען צוגעבן דעם פאַקט אַז אין די מערסטע אידישע קהלות זיינען בכלל געווען נאָר איינציקע אָרימעלייט. די פירער־שאַפט האָט דערלויבט צו באַזעצן צווישן זיי נאָר אַזעלכע נייע אָרי־בערגעקומענע פערזאָנען וועלכע זיינען געווען און ביכולת צו פאַר־דינען אויף זייער חיונה. די לאַסט פון שטייערן און אָפּטע איינ־צאָלונגען צו דער רעגירונג, האָט צו שווער געמכט פאַר די קהלות צו דערלויבן פיל ליידיקגייערס אין זייער סביבה. אויבערפלעכלעך קען עס אויסזען אַז די דאָזיקע מינהגים זיינען געווען געצוואונגען צו פאַרקוקן די אידישע מידה פון רחמנות, לטובת הכלל. אָבער פילייכט איז דאָס גאָר געווען אַ טובה אַז יעדער זאָל זיך בעסער אָנ־שטרענגען ווי ווייט מעגלעך זוכן אַרבעט אָדער באַשעפטיקונג און ניט פאַלן צו לאַסט אויפן צבור. די שריפטן פון מהר"ם מינץ צייגן, אַז ווען ער איז געווען רב אין האַמבורג, אין יאָר 1464, איז די צדקה־קאַסע, וואָס ער האָט אָרגאַניזירט, געווען נאָר פאַר די אָרימעלייט וועלכע האָבן, דורך אַ צופאַל, פאַרבלאָנדזשעט אין שטעטל. בעלי בתים אין דער קהלה גופא וואָס זאָלן זיך נויטיקן אין שטיצע, זיינען געווען אַ זעלטנהייט. אין דער אָפיציעלער רשימה פון אידישע איינ־

וואוינער אין פּראַג, באַמערקט מען נאָר איין אַלמנה, וועלכע איז אַרומגעגאַנגען בעטלען איבער די הייזער.

אויב מען וויל זאָגן, האָבן אידן אויך געהאַט אַ סאָרט וואַנדערער איבערן לאַנד צו זוכן חיונה. די דאָזיקע האָבן זיך ריכטיקער געערעכנט אַלס מענטשן פון גייסט, וועלכע האָבן באַגעגנט פיל שוועריקייטן צו ציען פּרנסה פון זייער קענטשאַפט צווישן אייגענע קרייזן. און נישט וועלנדיק פאַלן צו לאַסט אויף דער קהלה, פלעגן זיי זיך אַרויסלאָזן זוכן אַזעלכע פלעצער וואו מען קען זיך נויטיקן אין זיי. פרעמדע מגידים האָט מען דערלויבט צו האַלטן דרשות אין שול און קריגן באַצאָלט דערפאַר פון דער קהלה־קאַסע (אין די לעצטע צייטן לויט אונדזער זכרון, האָט מגיד'עריי געטראָגן גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער, דורך קלאַפּן אין די פושקעס כדי צו באַצאָלן דעם מגיד פאַר זיין דרשה). עס זיינען דעמאָלט געווען קליינע ישובים וואָס האָבן נישט געהאַט געגוג מיטלען אויסצוהאַלטן אַ שטענדיקן חזן אָדער אַ מלמד. האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וועלכע פלעגן קומען דאָרטן אויף אַ קורצער צייט דאַוונען פאַרן עמוד שבתים און יום טובים, אַנדערע—לערנען מיט קינדער אַ געוויסע צייט, לויט די אומשטענדן און שכר. באַבדעם פלעגן זיי אַרויספאָרן אין אַנדערע שטעטלעך אויף דעם זעלביקן שטייגער לויטן מה"רי ברונא'ס באַמערקונגען אין זיינע שאלות ותשובות.

אָט אין דעם איז באַשטאַנען דער אונטערשייד צווישן אידישע און קריסטלעכע וואַנדערער. אויב געוויסע אידישע וואולגארע ווערטלאך האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אינעם געשפּרעך פון דער באַפעלקערונג, איז עס נאָר אַ דאַנק דעם אידישן פעדלער קלאַס, וועלכער פלעגט קומען אין אַפּטע און נאָענטע מסחר באַציאונגען מיט קריסטלעכע קונדן. אָבער צום שבח און גוטע מעלות פון די דאָ־

זיקע אידישע אָרימע וואַנדערער, דאַרף מען זאָגן אַז זיי זיינען נישט געווען קיין בעטלערס. אויב זיי האָבן נישט געהאַט די מעגלעכקייט מפרנס זיין זייערע פאַמיליעס ביי זיך אין שטעטל, האָבן זיי געזוכט אנדערע מיטלען אין דערווייטנס, בעסער זיך וואַלגערן אין דער פרעמדס, איידער אָנקומען צו צדקה.

דייטשן און אידן בנוגע פאַלשע פּראָדוקטן

פעלשונג און נאָכמאַכונג פון כל'ערליי פּראָדוקטן און אַרטיקלען, האָט זיך אין יענער תקופה שטאַרק פאַרשפּרייט אין פיל דייטשע פּראָווינצן. עס האָבן זיך געצייגט אויפן גרויסן מאַסשטאַב פאַלשע מטבעות, סחורות, אַפילו עסנוואַרג און געטראַנקען. די רעגירונגען פון די אַלע געגנטן האָבן געקעמפט קעגן די פעלשער דורך אַרויפלייגן שווערע שטראָפן אויף זיי, אַרויסטרייבן פון שטאָט און אַזוי ווייט ביז אויסשטעכן די אויגן, לויט דעמאָלטיקן יושר'דיקן משפט. אָבער די אַלע מיטלען האָבן ווייניק געהאָלפן. די דייטשע שרייבער האָבן זיך שטאַרק באַקלאָגט אויף די באַנדע פעלשער און זיי געזידלט, דערהויפּט סעבאַסטיאַן בראַנט, אין זיין ווערק "נאַררענשיף", האָט פיל געשריבן וועגן דעם. אין די אַלע שריפטן ווערט דער נאָמען איד נישט דערמאָנט. עס איז צו גלויבן אַז אויפן גרונט פון אַ פאַרדאַכט ווי קליין עס זאָל נישט זיין, וואָלטן די שרייבער די גאַנצע שולד אַרופגעוואָרפן אויף אידן, ווי עס איז געווען דער פאַל מיט פּראָצענט אָנגעלעגנהייטן.

די באַשולדיקונג איז געמאַכט געוואָרן נישט דוקא קעגן די

קריסטאַלענע קרעמער און סוחרים אַליין. אין דעם שווינדל האָט מען אויסגערעכנט אַפילו פרינצן, מאַגנאַטן, און אויך גלחים, וועלכע האָבן מיט אַזעלכע טאַטן דערפירט די מאַסן צו גרויסער אָרימקייט. אַזאַ צושטאַנד האָט אָנגעהאַלטן אין פארלויף פון אַ פּאָר יאָרהונדערט, לויט דעם עדות זאָגן פון אַזעלכע שריפטשטעלער ווי הוגא פאָן טרימ־בערג, מורנער און אַנדערע. אָבער, נאָכאַלעמען, האָבן די זעלביקע שרייבער, ווינסדיק געענוי אַז אידן זיינען ריין פון פעלשן מטבעות און פּראָדוקטן, געזוכט די סיבות פון אָרימקייט ביי די מאַסן נאָר אין אידישע מלווים.

דאָס איז איינע פון די מערערע בלבולים פון וועלכע דער איד ליידעט שטענדיק פאַר פרעמדע, ערגערע זינד, ביז היינטיקן טאָג.

קאפיטל ניין

עטיק און גוטע מידות

עס וועט נישט זיין איבעריק צו פארצייכענען אייניקע אינטערעסאנטע שטריכן פון געוויסע קריסטלעכע געלערנטע, וועלכע זיינען געוועזן דעמאלט אונטערן איינדרוק פון אידישער תורה. אין זייערע געדאנקען. דער שרייבער בראנט פלעגט אפט ציטירן כאראקטערן פון אונדזער ביבל, איגנארירנדיק מיט דעם די קריסטלעכע לערע. כאטש ער איז געווען א פרומער קאטאליק, האט ער זיך פיל אפגעגעבן מיט שטודירן דעם תנ"ך און געקענט גוט לשון הקודש. באשרייבנדיק די גוטע מידה פון ליבשאפט און איבערגעבנהייט פון מענטש צו מענטש, האט ער גענומען אלסביישפיל "אהבת דוד ויהונתן" (אין שמואל א' און שמואל ב'). אויך באשרייבט ער ווי גרויס דער גייסט פון משה רבינו איז געווען אין ליב האבן דעם צווייטן מער ווי זיך אליין. דער פריידיקער בארלעטטא און דער שרייבער יאהן פוילי, כאראקטעריזירנדיק אין זייערע משלים און וויצן געוויסע מענטשלעכע אייגנשאפטן, האבן כמעט איבערזעצט פארשיידענע שטעלן פון תלמוד מיט וועלכן, ווייזט אויס, זיי זיינען געווען גוט באקאנט.

דאס זעלביקע געפינט מען ביי שרייבערס פון קריסטלעכן מיסטיציזם וואס איז גאר ענלעך אין פיל הינזיכטן צו קבלה. דער אינהאלט פונעם פריידיקער טאולער'ס דרשות האט פיל שייכות און שטימט כמעט מיט די געדאנקען פון ר' אליעזר מגערמייזא, אדער

ר׳ יהודה החסיד אין דער לערע פון מידות און יושר. געוויסע פון זיינע דרשות זיינען א דירעקטע איבערזעצונג פון ״פרקי אבות״ מיט קליינע ענדערונגען כדי זיי זאלן זיין מער פארשטענדלעך צום קריסטלעכן עולם.

אין דעם דאזיקן פעריאד זיינען געשאפן געווארן ספרים אי־בער עטיק און גוטע מידות, וועלכע האבן זייער וויכטיקייט און גרויסע באדייטונג נישט פארלארן ביז היינטיקן טאג. מיר וועלן דא אנגעבן נאר איניקע פון די מער פאפולערע. דער ספר ״זיטטנ־בוך״ (שוין דערמאנט פריער) אין אידיש־דייטש, אן איבערזעצונג פונעם העברעאישן בוך ״ארחות צדיקים״ אין יאר 1395, וואס איז געשאפן געווארן מיט פיל יארן פריער. נאכדעם האט מען אים אי־בערגעזעצט פארן המון אדער פרויען, וועלכע האבן געהאט א שוואכע ידיעה אין העברעאיש. דער מחבר און אויך דער איבערזע־צער זיינען נישט באוואוסט ווער זיי זיינען, נאר פון זייער סטיל שרייבן ווייזט אויס, אז זיי זיינען געקומען פון פראנקרייך נאכן באוואוסטן גירוש. אויך קען מען צורעכענען צו דעם סארט שרייבן: ״ספר הנצחון״ פון הר״ר יום טוב ליפמאן מילהויזן, אין יאר 1410, ״ספר חסידים קטן״ געשריבן אין יאר 1473, ביי ר׳ משה הכהן בן אליעזר פון קאבלענץ און נאך אייניקע ספרים. קיין צו גרויסע אנ־דערע שאפונגען אין יהדות זיינען אין יענער צייט נישט צוגעקומען, אויסער די ״שאלות ותשובות״, א מאנומענטאלע ווערק וואס וועט פארבלייבן אויף פיל דורות ווייטער, ווי מיר האבן שוין פריער דער־מאנט.

דער ״ספר הנצחון״ פארנעמט זיך אממערסטן מיט פארטיי־דיקן די אידישע אמונה, תורה און תלמוד, קעגן אלע אנפאלער פון דער קריסטלעכער וועלט. לויטן שרייבן איז צו זען, אז דער מחבר האט געהאט א גרויסע ידיעה אין ״ברית חדשה״ און אין דער אפא־

סטאָלישער ליטעראַטור. די תשובות וואָס ער האָט געגעבן צו די אָנגרייפער, האָבן געטראָפן אין ציל מיט די שאַרפסטע אַרגומענטן. ער האָט זיך געהאַלטן ביים כלל: "ודע מה שתשיב"—זאָלסט וויסן ווי צו ענטפערן. אויך פאַרנעמט דאָרטן אַ גרויסער טייל פון אָפּהאַנדלונגען וועגן מידות און ווי מע דאַרף זיך נוהג זיין אַלס איד און מענטש.

די ספרים "זיטטנבוך" אָדער "אורחות צדיקים" און "ספר חסידים קטן", האָבן זיך אָפּגעגעבן דורכאויס צו לערנען די מאַסן גוטע מידות און אַנשטענדיקע באַציאונגען צו גאָט און לייטן. זיי האָבן געגנוי באַשריבן די שלעכטע זייט פון קנאה; דערוועקט דאָס געפיל פון מענטשלעכער ליבע באַזירט אויף דער מצווה: "ואהבת לרעך כמוך"; געפּריידיקט וועגן זאָגן שטענדיק דעם אמת, אויסמיידן ליגנס אין אַלע מעשים פונעם טעגלעכן לעבן, דערהויפּט אין משא ומתן לויט דעם פסוק "אמת מארץ תצמח"—דער אמת וועט סוף כל סוף אַרויסשפּראָצן; זיך דערווייטערן, ווי ווייט מעגלעך, פון איבעריקע רייד וועלכע ברענגען נאָר לשון הרע אויפן צווייטן; נישט זיין פויל, לערנען און אַרבעטן מיט שמחה און ניט צולאָזן קיין דאגות. אָט דאָס איז נאָר אַ קורצער אויסצוג פון די אַלע מאָראַלישע און עטישע איינגעשאַפטן וועלכע זיינען באַהאַנדלט געוואָרן אין די דאָזיקע ספרים; יעדער פונקט דאָרטן ווערט אַרומגערעדט מיט פיל איינצעלהייטן, פאַרנעמט גאַנצע זייטן און איז דורכגעדרונגען מיט גרויס זאָרג און ליבשאַפט פאַר דעם מין מענטש און איד. אויך האָבן זיי געשיינקט פיל אויפמערקזאַמקייט אין זייערע ספרים צום לערנען און דערציאונג פונעם יונגן דור. אַגיטירנדיק צווישן דעם ברייטן עולם וועגן דערציאונג, האָבן זיי אונטערגעשטראָכן די ווייטערדיקע מאָטאָ: "אויב מען וויל, קינדער זאָלן זיין געלערנט אין תורה און אידישקייט, דאַרפן די עלטערן אַליין זיך מער אָפּגעבן מיט לערנען אַלס אַ טייל פון זייער טעגלעכן לעבן".

הלואי וואָלטן מיר אַלע געפאָלגט אַזאַ עצה טובה!

קאַפּיטל צען

שטריכן פון די אידן אין אויבער איטאליע

די איטאַליענישע אידן אין מיטלאַלטער שטעלן מיט זיך פאָר גאָר אַ באַזונדערן און אַן אייגנאַרטיקן קאַפּיטל אין דער אידישער געשיכטע. דאָ וועלן מיר באַהאַנדלען און איבערגעבן נאָר אייניקע שטריכן פון די אידן, וועלכע האָבן געוואוינט אין אויבער איטאַליע, נאָענט צום גרענעץ פון די דייטשע פּראָווינצן.

אין דעם דאָזיקן טייל פון איטאַליע האָבן אידן זייער פיל זיך אונטערשיידט אין כאַראַקטער און אייגנשאַפטן פון זייערע ברידער אין דייטשלאַנד. זיי זיינען געווען וועלטלעך, קולטורעל, פיל גע־נומען פון דער אַרומיקער סביבה און געווען פרייער אין געדאַנק

בנוגע רעליגיעזע מינהגים און צערעמאָניעס. ס'איז צו באַמערקן אַז אפילו רבנים, אין זייערע שאלות ותשובות, וועגן געוויסע רעליגי־עזע פּראָבלעמען, זיינען נישט געווען אַזוינע מחמירים ווי די רבנים אין דייטשלאַנד, וועלכע האָבן שטענדיק געשטרעבט צו זיין שטרענגער. אַזעלכע פאַלן זיינען פאָרגעקומען אין באַצוג צו חתונה צערעמאָניעס און גיטין, דערהויפּט אין די לעצטע, וואו די דייטשע רבנים האָבן שטאַרק מקפיד געווען בנוגע נעמען און פּלעצער.

נאָר דאָ איז פאָרגעקומען אַן אינטערעסאַנטע דערשיינונג: זייער ווייניק רבנים, וועלכע זיינען געבאָרן און דערצויגן געוואָרן אין איטאַליע, האָבן זיך געפונען דאָרטן; און די איינגעבאָרענע, נאָענט אַרום דעם גרענעץ, האָבן דעריבער פאַרנומען, מיט דער צייט, גרויסע פּאָסטנס אין איטאַליע און מיט דעם משפיע געווען פיל אויפן אידישן לעבן דאָרטן. דורכדעם האָבן די אידן אין יענע מקומות פאַראייניקט אין זיך אַ גייסטיקע אייגנאַרטיקע קולטור באַהערשט פון באַזונדערע שטרעבונגען אין די דאָזיקעביידע לענדער.

פון די הויפּט־רבנים האָט זיך דאָרטן אויסגעצייכנט הר״ר יוסף קולן ב״ר שלמה, פאַרקירצט מהר״יק, דער מחבר פון ״שו״ת מהרי״ק״. ער האָט געלעבט און געשאַפן אינעם צווייטן העלפט פונעם פופצנטן יאָרהונדערט. לויט די היסטאָרישע פאַרצייכנונגען, איז ער געבאָרן געוואָרן אין פראַנקרייך, אָבער ער איז געשטאַנען אונטער דער השפעה פון די דייטשע רבנים ווי די איבעריקע אין דעם טייל פון איטאַליע. אַ צווייטער פון די באַוואוסטע, איז געווען הר״ר יהודה מינץ, וועלכער האָט געשטאַמט פון דייטשלאַנד און פאַר זיבן און פערציק יאָר איז ער געווען רב אין פאַדואַ, איטאַליע. געשטאָרבן איז ער אַ בן מאה, אין יאָר 1508. מען פלעגט אים רופן ״דער פאָטער פון די אשכנזים״. ער האָט געהאַט פיל נאָכפאָלגער און תלמי־

דים אויך אין דער קריסטלעכער וועלט. זיין גרויסקייט איז באַשטאַ־
נען נישט נאָר אין יהדות, נאָר אויך אין אַלגעמיינער וויסנשאַפט
און פילאָזאָפיע. דעריבער איז ער געווען אַזוי באַליבט ביי אַלע
שיכטן פון דער באַפעלקערונג, ביז די נאָבל־לייט פון איטאַליע האָבן
געלאָזט אויסקריצן זיין בילד אין וואַנט פון דעם וויסנשאַפטלעכן
אינסטיטוט אין זיין שטאָט. אָבער דאָס האָט שפּעטער ניט אָפּגעהאַלטן
די פּאָגראָמשטשיקעס צו ראַבירן די אידישע שכונה אינעם זעלבן
יאָר נאָך זיין טויט און פאַרניכטן כמעט אַלע זיינע שריפטן. זיינעם
אַן אייניקל איז געלונגען צו ראַטעווען נאָר אַ קליינעם טייל פון זיינע
מאַנוסקריפּטן און נאָכדעם עס צו פאַרעפנטלעכן. פון די איבער־
געבליבענע כתבים איז צו זען אַז ער איז געווען פרייער אין זיינע
געדאַנקען, אַ זעלטענער קריטיקער און א בקיא אין דער העברעאי־
שער ליטעראַטור.

נאָך צוויי רבנים, וועלכע האָבן געשטאַמט פון דייטשלאַנד און
באַוואוסט אין אויבער איטאַליע, זיינען געווען: מה״רם פּאדוא־קצנע־
לענבויגן און הר״ר יעקב ב״ר יהודה לאַנדא. זיי האָבן זיך אויסגע־
צייכנט מיט זייערע חיבורים און שאלות ותשובות.

אָבער וויפל די אויבנדערמאָנטע רבנים האָבן געווירקט מיט
זייער לומדות און יהדות אויף די דאָרטיקע אידן, זיינען די לעצטע
פאָרט געווען פרייער און זיך געבויגן מער צו דער קולטור פון דער
מדינה. דערהויפּט איז עס געווען צו באַמערקן ביי אידישע פרויען
מיט זייערע פרייע הנהגות. אין איינער פון די שאלות ותשובות ביי
מה״רם פּאדוא, איז דאָ אַ גאַנצע אָפּהאַנדלונג מכח פרויען וועלכע
דערלויבן זיך אַרומצופאָרן איבערן לאַנד וועגן מסחר אָן אַ שומר.
אַזאַ זאַך וואָלט צווישן אידישע פרויען אין די דייטשע פּראָווינצן
ניט פאָרגעקומען. בכלל איז די מאָראַל דאָרטן ניט געווען אַ גע־
הויבענע. עס איז אָנגעגאַנגען אַ קאַמף ביי די רבנים מיט דער פּאַ־

דואַר קהלה וועגן איינעם וואָס האָט פאַרדונגען זיין הויז צו זונות אין דער אידישער שכונה. לויטן אידישן דין האָט מען עס ניט גע־קענט פאַרווערן, אָבער דאָס איז געווען קעגן דער אידישער מאָראַל און עטיק און האָט שטאַרק אויפגערעגט די גייסטיקע פירער. פון דער אַנדערער זייט האָט די רעגירונג מיט די גלחים באַטראַכט, גאַר להיפוך, אַזאַ טאַט אַלס מצווה, ווייל דורכדעם וועלן מענער זיך אויסהיטן פון שווערערע עבירות. עס איז צו באַמערקן אין די שאלות ותשובות פון די רבנים, אַז זיי זיינען געווען זייער באַזאָרגט וועגן אַזאַ הפקר־צושטאַנד, באַטאָנענדיק אַז אַזעלכעס וואָלט בשום אופן נישט געקענט טרעפן אין די דייטשע קהלות. אין אַלגעמיין האָבן די רבנים ניט געקענט פאַרטראָגן די הנהגה פון די דאָרטיקע אידן בנוגע צניעות מיט וועלכע די אידן אויף יענער זייט גרענעץ האָבן זיך אויסגעצייכנט.

מען מוז אָבער, צום שבח פון די איטאַליענישע אידן, זאָגן, אַז זיי האָבן געווירקט צום גוטן אויף זייערע ברידער אין די דייטשע פראָווינצן מיט זייער פרייען גייסט און געדאַנק. אין לעצטן טייל פון 15טן יאָרהונדערט האָט מען שוין געקענט באַמערקן סימנים פון קול־טורעלע און וויסנשאַפטלעכע נייגונגען צווישן די דייטשע אַריבער־געקומענע אידן נאָך איטאַליע. דאָרטן איז דעמאָלט באַוואוסט געווען איינער עזריה אברהם לאַון פון דער פראָווינץ נאַפּאָלי, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכנט אין פיזיק, מאַטעפיזיק און אַנדערע וויסנשאַפטן. הר״ר יעקב לאַנדא, דער מחבר פון ״אגור״ איז געווען זיין רבי, וועל־כער האָט אויך געשעצט זיין תלמיד, לויט ווי ער דערמאָנט עס אין זיין ספר. אַזאַ כבוד און באַציאונג צו אַ וויסנשאַפטלעכן מאַן, האָבן געקענט פאַסירן נאָר אין איטאַליע, און פאַר קיין פאַל צווישן די מחמירים אין די דייטשע פראָווינצן.

דער דאָזיקער טיפ רבנים פלעגט קומען אין אָפטע צוזאַמענ־

שטויסן מיט די דייטשע בנוגע "אסור" אָדער "מותר" ביי פאַרשיי־
דענע געלעגנהייטן. די ערשטע זיינען געווען מער איינגעהאַלטן און
באַזעסן מער געדולד אין באַשליסן צו שנעל: "מע טאָר ניט". הר"ר
יהודה מינץ (מהרם פאדובה) האָט אין פיל פאַלן נישט געוואָלט
מסכים זיין מיט די פסקים פון הר"ר איסרלין דעם אויטאָריטעט
אין די דייטשע פראָווינצן. ער האָט זיך אויסגעדריקט, אַז ער ווערט
ניט נתפעל פון דעם וואָס דער גאון איסרלין שרעקט אים מיט די
"ספר חסידים"—מינהגים, ווייל דער דאָזיקער ספר האָט שוין צו־
פיל איבעריקע חסידות.

די אידן פון איטאַליע האָט זיך בכלל געלעבט פיל בעסער
און פרייער אין יענעם פעריאָד. די קריסטלעכע וועלט איז געווען
דאָרטן מער פריינטלעך און געגעבן די אידן אַ פרייע האַנט, אָפט
אויפן עקאָנאָמישן און סאָציאַלן געביט. פיל אידן, האָבן שוין דע־
מאָלט פאַרנומען הויכע שטעלעס אין דער רעגירונג און דער צוטרוי
צו זיי איז געווען גרויס. אמת, צייטנווייז האָבן זיי אויך געפילט דעם
דרוק פון די פראַנציסקאַנער גלחים, אָבער על פי רוב זיינען די רע־
גירונגס באַציאונגען צו זיי געווען גוט און דעריבער האָבן זיי גע־
קענט לעבן פיל רואיקער און זיכערער.

דער אויבנדערמאָנטער קאַפּיטל איז נאָר, ווי פריער געזאָגט,
אַ קורצער איבערבליק פון די אידן אין איטאַליע, וועלכע האָבן גע־
וואוינט אינעם טייל פון לאַנד נאָענט צום דייטשן גרענעץ אין דער
דערמאָנטער תקופה.

איך פאַרענדיק אַ בוך וואָס וועט אַרומנעמען, אין אַ פאַרקירצט־
ער פאָרמע, דעם לעבן פון די אידן אין גאַנץ איטאַליע אויף אַלע גע־
ביטן נאָך פון די ערשטע דורות פונעם אָנהייב ימי הבינים (מיטל־
אַלטער).

איבערזעצט אויף אידיש

געוויסע העברעאישע ווערטער און זאַצן וועלכע געפינען זיך אין בוך.

אהבת דוד ויהונתן—די ליבשאַפט צווישן דוד און יהונתן. (לויט דער דערציילונג אין תנ״ך).

אוהב ישראל—אידן פריינט.

אשת חיל מי ימצא—ווער קען אַ העלדישע אָדער אַ פּעאיקע פרוי געפינען? (אין ספר ״שיר השירים״ ווערן געלויבט גוטע אייגנשאַפטן פון אַ פרוי).

בהרחבה—אין באַקוועמלעכקייט.

בושה—שאַנד.

בית דין—אידישער געריכט־הויז.

ביכולת—מעגלעכקייט.

בית ישראל—אַן אויסדריק פאַר דעם אידישן פאָלק.

בעל כרחם—מיט געוואַלט.

בעלן—וועלכער וויל וויסן.

בעלי מופת—לייט וועלכע באַווייזן וואונדער.

ברית חדשה—דער נייער טעסטאַמענט.

בקור חולים—אַן אַנשטאַלט פאַר אָרימע קראַנקע.

בקיא—באַהאַוונט אין לערנען.

גדול בתורה—אַ גרויסער מאַן אין תורה וויסנשאַפט.

דרישה וחקירה—נאָכזוכונג און פאָרשונג.

דת—רעליגיע.

ברכת המזון—בענטשן נאָכן עסן.

הגדול—דער גרויסער.

הכנעה—נידערגעשלאָגן.

התורה והחים—דאָס לערנען און לעבן.

התחלה—אַן אָנהייב.

הלכות—געזעצן

הנהגות—איינפירונג, פאַרוואַלטונג.

השפעה—איינפלוס.

התראה—אַ וואָרנונג.

וזה שכרי—דאָס איז מיין באַלוינונג.

ואהבת לרעך כמוך—זאָלסט ליב האָבן דיין פריינט ווי זיך אַליין.

וישמן ישורן ויבעט—דער נביא האָט געשטראָפט: "ווען דער איד איז זאַט און פעט, בריקעט ער און גייט אַראָפ פון גליכן וועג.

ויברח—אַנטלויפט מיט פרעמדע געלט.

זולל וסובא—אַ פרעסער און אַ זויפער.

חגיגה—אַ פאַרווייל‍ונג.

חיבור—אַ ווערק, אַ בוך.

חילוקי דעות— פאַרשידנהייט פון מיינונגען.

חרם דרבינו גרשם—אויסשליסונג פון דער געמיינדע וואָס הרב גרשום האָט געשאַפן אַלס שטראָף פאַר זינדיקע, דערהויפט פאַר חתונה האָבן מיט מער ווי איין פרוי.

חפצים—ווערטזאַכן.

חשש—אַ פאַרדאַכט.

חקירה ודרישה—אַ גענויע אויספֿאָרשונג.

חתימת התלמוד—די פֿאַרענדיקונג פֿון תלמוד שאַפֿונג.

טבילה—אונטערטונקען זיך אין וואַסער.

טובי העיר—די אָנגעזעענע לייט פֿון שטאָט.

ימי הבינים—דער מיטלאַלטער.

יהדות—אידישקייט.

ידיעות— נאַכריכטן.

יקר־המציאות— אַן אַנטיק־זאַך.

יסוד—פֿונדאַמענט, גרונט.

כבוד התורה—צו ערן די תורה.

כוס יין הבדלה—דער בעכער מיט ווין אויף וועלכן מע בענטשט שבת־צו נאַכט.

כזבן ושקרן—אַ ליגנער און אַ באַטריגער.

כיד המלך—אויף אַ קייזערלעכן שטייגער.

ככל הגויים—גלייך ווי אַלע אַנדערע פֿעלקער.

כתבים—שריפֿטן.

כתב־יד—אַ מאַנוסקריפּט.

לא אלמן ישראל—דער איד איז נישט קיין פֿאַרלאָזענער און אַליין.

להכעיס—צו ערגערן דעם צווייטן.

להיפוך—צו טאָן פֿאַרקערט.

לטובת הכלל—פֿאַר די נוצן פֿון מענטשהייט.

ליקוטים—אַ זאַמלונג.

מאה—הונדערט.

מאמר—אַ צייטונג־אַרטיקל.

מדרגה—פּאָזיציע.

מודעה—אַ באַקאַנטמאַכונג.

מזל ברכה—אַ געבענטשטער מזל.

מחדש חידושים—דערפֿינדן נייסן.

מחיצה—צעטיילונג.

מחמירים—שטרענג אין רעליגיעזע פראגן.

מכריז ומודיע—פראקלאמירן.

מנצח—בייקומען.

מלומדים—געלערנטע.

מעשים—טאטן.

מסעי הצלב—קרייץ־צוגן כדי צו פארניכטן אידן.

מפורסם—א באוואוסטער.

מקום מנוחה—א רו פלאץ.

מקומות—ערטער, שטעדט.

מקורות (מקורים)—קוואלן.

משא ומתן—האנדל.

משכון— פארזיכערונג.

משפיע—ווירקן.

נוהג זיין—זיך אויפפירן.

נצח ישראל לא ישקר—די אייביקייט פונעם אידן וועט נישט אנטוישן.

נושא חן— געפעלן ווערן.

סביבה—געגנט.

סדר הלימודים—די סיסטעם פון לערנען אין חדר.

סוגיא—א דעבאטע אין תלמוד.

סתירה—ווידערשפרוך.

עיקרי הדת—הויפט לערע פון רעליגיע.

על כל צרה שלא תבוא—מען דארף זיין גרייט צו א צרה, הלוואי זאל עס נישט טרעפן.

על פי רוב—אממערסטן.

נתפעל—בארירט.

עצה טובה—א גוטער ראט.

עת צרה—שלעכטע צייטן.

פלפול—אַ שאַרפזיניקער שטרייט פון ווערטער.

פרסום—באוואוסטמאַכן.

פרו ורבו—ווינטשן צו האָבן אַ סך קינדער.

פרקי אבות—די לערע פון די עלטערן, אַ תלמודישער ספר.

צבור—אַ געמיינדע.

צפון—נאָרט.

צדדים—זייטן.

קבוץ—פאַרזאַמלונג.

קדוש השם—פאַרהייליקן גאָט.

קבצן—אַ בעטלער.

קיום התורה—פעסטקייט פון דער תורה.

קנאה—אייפערזיכט.

קנאי—אַ פאַנאַטיקער.

קריאת התורה—דאָס לייענען פון דער תורה אין שול.

ראשי הקהל—די פאָרשטייער פון דער געמיינדע.

רב הכולל—אויבער ראַבינער.

רוחות רעות—בייזע גייסטער.

רקידה—אַ טאַנץ.

רשימה—צעטל.

שאלות ותשובות אדער שו״ת—פראַגן און ענטפערס אין דער רבני־שער ליטעראַטור.

שיעורים—לעקציעס אין תלמוד.

שכונה, שכונות—נאַכבאַרשאַפט—טן.

שליח צבור—דער וואָס דאַוונט פאַרן עמוד.

שעטנז—אַ געמיש פון וואָל און פלאַקס אין קליידער קעגן דעם אי־דישן דין.

שעיר לעזאזל—אויף וועלכן מען וואַרפט שטענדיק די שולד.

שפלות—נידערקייט.

תביעות—פאָדערונגען, פרעטענזיעס.

תהום פון שטות—אָפגרונט פון נאַרישקייטן.

תקנות—געזעצן.

איך האָב געלייענט דעם מאַנוסקריפּט

ווען מר. נחמן דרוזדוב האָט פאַרגעלייגט פאַר מיר זיין כתב־יד „דער ווידערגעבורט פונעם אידנטום״, האָב איך מיט גרויס פאַרגעניגן צוגעשטימט דורכלייענען זיין אינטערעסאַנטע אַרבעט.

איך געדענק גוט זיין בוך „אחד העם״ אין אידיש וועלכן איך באַטראַכט אַלס אַ וויכטיקער בייטראַג צום אידישן לייענער. די אידעען פון דעם גרויסן אידן זיינען דאָרט אַרויסגעבראַכט געוואָרן זייער קלאָר און דייטלעך אַז יעדער האָט געקענט קריגן אַן אמתן בילד פון אונדזער וועלט באַרימטן נאַציאָנאַלן דענקער און פילאָזאָף.

און אַזוי אויך האָט מר. דרוזדוב געטאָן זיין מלאכה בשלימות מיט זיין איצטיקן בוך. ער האָט פּאַרזיכטיק שטודירט די קאָלאָסאַלע ווערק פונעם פאַרשטאָרבענעם דענקער און שריפטשטעלער דר. מ. גידעמאַנן, דער רב הכולל פון ווין, זיין שאַפונג האָט פיל בייגעטראָגן און באַלויכטן די אידישע רעליגיעזע, קולטורעלע און עקאָנאָמישע פּראָבלעמען אין די דייטשע פּראָווינצן נאָך דער „שוואַרצער מגפה״, אַ פעריאָד וועלכער איז ענלעך צו דער אידישער לאַגע איצט אין פיל אייראָפּעאישע לענדער.

דרוזדוב׳ן איז געלונגען אַרויסצונעמען די פּערל פון דר. גידעמאַנס שאַפונג און איבערגעבן אין קורצע שטריכן און בילדער צום אידישן לייענער די גרויסע היסטאָרישע געשעענישן אין אידישן לעבן פון דער אויבנדערמאָנטער צייט.

פון מיין זייט באַגרים איך מר. דרוזדוב פאַר זיין געלונגענע אַרבעט און איך בין זיכער אַז דער אידישער לייענער וועט אים אויך דאַנקבאַר זיין.

אברהם א. אַברמביץ,

רבי פון „אַלבאַני פּאַרק היברו קאָנגרעגיישאָן״,

שיקאַגע, איל.